STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10803

GUTMORGN, ZINGER!

Shlomo Roitman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלומע רויטמאַן

גוטמאָרגן, זינגער!

אָגיז
מעלוכע-פֿאַרלאַג „דער עמעס" מאָסקווע 1947

Редактор—*С. Галкин.* Художник—*Михаил ИО.* Техредактор—*Ф. Фрумкина.*

Подписано к печати 24/XI-47. Б — 05704. Печатных листов 6.
Учетно-издат. л. 5,02. Тираж 4000. Формат бум. $70 \times 108^{1}/_{32}$. Заказ 114. Ц. 4 р.

Типография Госиздательства „Дер Эмес“, Москва, Старопанский, 1.

מיטן קאָל און קאַס פון מײַנע טײַערע

גוט־מאָרגנ, זינגער!

ס י מ פ אָ נ י ע

מ ײַ נ פ ר ײַ נ ט מ. נ אָ ט אָ ו ו י ט ש נ

1

ז י נ ג ע ר ,
איז נאָכ אַלצ דעמ הארצנ דײַנעמ ניט געוואָרנ גרינגער,
נא דיר שטראַלנ פונ מײַנ זונ, ווי גלעטנדיקע פינגער.

נא אנ אָזערע — א שטילע טרער, צעגאָסנ
אפ גראָזנ ברעגיקע, ווי גלײַכ אפ גרינע וויִעס,
דו גיי ארײַנ אהער ביז איבער דײַנע קניִעס
אונ לײַטער אויס דאָרט דײַנע בלוטיקע פארדראָסנ.

אינ אָט דעמ קוואל דערטרינק דײַנ טרויער דעמ צעגליטנ,
אונ אפ זײַנ ברעג דו לייג אוועק דײַנ קאָפ דײַנ מידנ,
אונ פונ דער שטילקײַט טרינק כאָטש אויס איינ טראָפנ פרידנ.

פרידנ צו דײַנ זעל, מײַנ פיל־געפרוווטער זינגער,
איז נאָכ אלצ דעמ הארצנ דײַנעמ ניט געוואָרנ גרינגער?
נא דיר שטראַלנ פונ מײַנ זונ, ווי גלעטנדיקע פינגער.

שוויַיגסט נאָך אַלץ, ווי גלײַך א ווינטערדיקער הימל
אָן דער לערכן-שפּיל, אָן זומערדיקןווימל,
אָן די קלינגענדיקע רעגנס, ווי אָן סטרונעס,
אָן די הילכיקע טראָמפּייטן פון די דונערס.

אַז דו זאָלסט, ווי ווינטער-הימלען, מער ניט שווײַגן,
און דײַן האַרץ זאָל, ווי א פויגל, צו זיי שטײַגן,
נעם אַרײַן דאָס האַרץ אין ליפּן דײַנע ווידער, זינגער,
גיב א הויכן קוש דער וועלט מיט דײַנע לידער, זינגער.

2

העלער מאָרגנ, מילכיק-בלוילעכער, צעגרינטער,
ביסט אינגאנצנ ווי מיט בעז א דורכגעשפינטער.

לייַכט אונ קיל ביסטו, ווי שייַנ פונ מאָרגנשטערנ,
אויכ דעמ שווערסטנ הארצ אינ דיר דארפ גרינגער ווערנ.

נאָר פאראנ א צאר, געפינסט פאר אימ קיינ אָרט ניט,
נאָר פאראנ א צאר, געפינסט פאר אימ קיינ וואָרט ניט.

אונטער ציינערדיקע גראטעס, צווישנ ענגשאפט
וועט דאָס הארצ זיכ שטיל פארפלייצנ מיט א בענקשאפט

אונ זיכ ראנגלענ צווישנ אנגלענ, צווישנ צוואנגענ,
ביז די בענקשאפט איבערגיינ וועט אינ געזאנגענ.

גוטער מאָרגנ, אז קיינ הארצ זאָל מער ניט וויי טאָנ,
שפיגלסט אָפ אינ יעדנ אויג א בארג מיט קווייטנ,

אונ עס אָטעמט אויס א טרייסט דייַנ דופטיקייַט פונ בעזנ,
אונ באשייַנסט מיט ליבלעכקייַט אונ האָפענונג מייַנ פאָנעמ,

נאָר איכ מוז אינ טויטע מייַנע שטענדיק זיכ דערמאָנענ,
אז איכ זאָל אינ לעבעדיקע קיינמאָל ניט פארגעסנ.

3

ניט קיין ווײַס-צעבליטע קרוינען אין דעם הימל הענגען,
קאַלע-מיידלעך אין די העמדער הענגען טויט אויף שטאַמען,
דאָס איז צוויט, וואָס וועט קיין פֿייערס קיינמאָל שוין ניט
ברענגען,
דאָס איז לײַב, וואָס וועט דאָ אייביק שוין ניט זײַן קיין מאַמע.

ניט קיין בלויע שוואָמען-קעפּ אין גראָז ווערן געבאָרן,
קינדער ליגן דאָ פֿאַרבלויט, מיט שטיוול שווער צעטראָטן,
זיי האָבן זיך אין זאמד געשפּילט, און פֿריִע קינדער-יאָרן
זיך האָבן, ווי די שטיבעלעך פֿון זאמד, בײַ זיי צעשאָטן.

ניט קיין יונגער פֿרילינג רוישט בײַ הרעבליעס אופֿגעהויבן,
זקיינים שלײַדערט מען פֿון בריק, באַהאַנגענע מיט שטיינער,
מער וועט זייער עלטער זיך ניט וואַרעמען בײַם אויוון,
קאַלט וועט אונטער כוואַליעס זײַן פֿאַר אָט די אַלטע ביינער.

בין איך צו דערטרונקענע אַראָפּ ביז גרונט ביז שוואַרצן,
אָנגעטאַפּט די שטיינער דאָרט אויף זייערע נעשאָמעס,
און געשאַרפֿט האָב איך אויף זיי מײַן סינע אינעם האַרצן,
ווי אַ שטראַל איז אין מײַן האַרץ די שפּיז איצט פֿון נעקאָמע.

װײַל א הארצ בלײַבט שטענדיק טרײַ די זוניקע געבאָטנ,
טרײַ אזוי אונ װארעמ װי דעמ לעבנ איז דער אָטעמ,

טרײַ אזוי, װי דו, פרימאָרגנ, ביסט דער זונ אצינדער,
טרײַ װי ס׳איז אנ איװאָלגע פאר אירע קלײנע קינדער.

אײנציקװײַז אינ פעדערדיקע נעגעלעכ פארפרעסטע
טראָגט זי אירע אײפעלעכ צו נײַע זומער-נעסטנ.

אָט אזוי-אָ טראָג איכ אומ אונ װעק מיט שלאָג פונ הארצנ
זײ, די פרי פארשניטענע, אינ יענעמ טאָג אינ שװארצנ.

4

זיי — דאָס איז דער אָטעם, א פאושאָטענער מיט ערדן,
זיי — דאָס איז די איידע, א געקוילעטע מיט שווערדן,

זיי — דאָס איז דער זינען, א צעבראָכענער אין שארבן,
זיי — דאָס זיינען גלידער, אויסגעדרעשעטע ווי גארבן,

זיי — דאָס איז דער הימל, א דערשטאָכענער אין אפלען,
זיי — דאָס זיינען קושן בייסן אָפשייד, וואָס זיך צאפלען,

זיי — דאָס איז די קינדהייט, א געמיימעסטע בא ברוסטן,
זיי — דאָס איז די ליבע, א געשענדעטע אף מיסטן,

זיי — דאָס איז די יוגנט, א געהאנגענע אףביימער,
זיי — דאָס איז דער גומער געניטש בא כייעס אין די ציינער.

צארט איך טראָג זיי אין מיין הארץ, וואָס איז מיר אָנגעצונדן,
צארט — איך זאָל כאָלילע זיי ניט אָפבריען די וווּנדן,

און איך פיל, זיי לעבן טיף בא מיר אין דער נעשאָמע,
און איך הער, זיי שארפן מיר די נעגל פון נעקאָמע.

יאָ, כ'וועל לאנג אין טויטע, אין פארלוירענע געדענקען,
אז איך זאָל נאָך לעבעדיקע, ליבנדיקע בענקען.

5

זינגער, ברענסט אפ הייסע קוילן פון געפילן,
נא דיר שאלעכלעך פון שאָטנס — אפ דײַן לײַב צו הילן,
נא דיר מײַנע ווינטעלעך, ווי דלאָניעס, וועלכע קילן.

נא א וואלד מיט בלויענ בעז —
א צווייטנ הימל ניט באוווסטנ,
וואָס וואקסט פונ אונטנ אפ די קוסטנ
אונ לויכט אינ בלימעלעך געפרעסט.

נא דיר וועלדעלעך מיט בעז —
א גאנצנ הויפנ טוי אונ דופטנ,
א מילכיקײַט, וואָס פרירט אינ לופטנ,
ווי אינ א גאָלדענעמ געפעס.

אפ קוסטנ גייט דער טאָג ארומ,
אונ אונטער קוסטנ שלאָפט דער שאָטנ —
אינ א לעוואָנע-נאכט געראָטנ,
נו, קומ אהער, מײַנ זינגער, קומ

אונ עפנ אופ א בעזנ-קוסט
אונ גיי ארײַנ, ווי אינ א כאָלעמ,

א שאָטן דריקט דײַן לײַב מיט שאָלעם,
א נאכט מיט רו קומט צו דײַן ברוסט.

העלער מאָרגן, ברודער פון מײַן לעבן די געטרײַער,
די פארשלײס אין לײַב מײַנעם דײַן אָטעם און דײַן פײַער,
די צעעפנ אונטער בעז א וועלט, וואָס איז מיר טײַער.

— נו, רויש מיט אָדערן פון הארץ, ווי גלײַך מיט זאנגען, זינגער,
— נו, קלאפּ אין ריפּן מיט דײַן הארץ און וועק געזאנגען, זינגער,
— נו, קער פון הארצן אום דער וועלט די פרישע קלאנגען, זינגער!

1944

באַ רוסלאַנד אַפּ דער לער

רוסלאַנד — בלוי-אויגיקע ווײַט,
דײַנע עמעס שטאַמט פונ קאָרנ,
מײַנע טײַערע, ביסט שטענדיק אַפּ דער צײַט,
הערסט ניט אופּ זיך אַליינ צו געבאָרנ.

אינ לעוואָניקנ קלעמ פונ דײַנ פראָסט
שמידט מײַנ לײַב זיך הייס אונ געדולדיק.
מײַנ לעבנ האָט פיל דיך געקאָסט,
אונ אַפּ אייביק מײַנ האַרצ כ׳בינ דיר שולדיק,

ווי שולדיק עס בלײַבט דיר די וועלט
פאַר דײַנ ווײ, אָ, גרויסמוטיקע מוטער,
האָסט מיט וווּנדיקער ברוסט זי פאַרשטעלט,
ווענ געגאַנ איז אַפּ איר דער ניט-גוטער.

רוסלאַנד, באַ דעמ שטאַמ פונ דײַנ בוימ
איך לערנ פאַר ווינט זיך ניט בוקנ.
דײַנ טאָפּאָל — ער לערנט צומ רוימ
אַלצ העכער דאָס אויג זאָל קוקנ.

בא דײַן דעמב איז מײַן פּלײצע אױף דער לער,
אַז אַלץ זאָל איך איבערטראָגן,
דײַן װערבע לערנט שטיל זײַן, װען ס'איז שװער,
זיך פֿאַר קײנעם, פֿאַר קײנעם ניט קלאָגן.

דײַן יעל שפּינט מיט נאָדלען מיר טעג
פֿון אַ קינדהײַט, װאָס איז שױן פֿאַריבער,
דײַן בעריאָזע װײַזט מיר דעם װעג,
דעם פֿאַרבענקטן װעג צו מײַן ליבער.

דײַן זון כאָװעט אַלץ, װאָס איז נײַ,
אַלדאָס יונגע דײַן רעגן קומט בענטשן,
דײַן װינט לערנט אָטעמען פֿרײַ,
דײַן ערד לערנט זײַן מענטשן.

בא דעם מילכיקן רױש פֿון דײַן צװיט,
בא דײַן װײַניקן גאָלד פֿון די האַרבסטן,
בא דײַנע רוסישע טריט
זיך לערנט דער קלאַפּ פֿון מײַן האַרצן.

1944

ייִדן האָבן ווײַן געפּרעסט

1

ווי נאָך א ליבן יאָנטעוו, וואָס איז גיך אזוי פארפלויגן,
שטייט דער ווײַנשטאָק נאָך דעם שניט, פארבענקט און
אײַנגעצויגן,
די לאָזעס — ווי די הענט פארלייגט אפ ברוסטן פון דער ערד,
פונקט אזוי — עס שטייט א מוטער טיפ אין זיך פארקלערט
נאָך דעם, ווי זי האָט אלע אירע קינדער אופגעצויגן.

אָרעמ שטייט ער און פארשעמט, ווען זײַנע קרענץ זיך פעלן,
און פאָרט איז ער נאָך רײַך מיט שײַן, נאָך וויפל פארבן העלן,
צי מעסערס שנײַדן אײַן אין אימ אפ שטענדיק זייער גלאנץ,
צי ס'האָט זײַן גאָלד פארלוירן דאָ אן אָפּגעהאקטער קראנץ,
צי ס'גליט אין בלעטער שוין דער ווײַן, וואָס וועט פון
גרונט דאָ קוועלן.

ס'איז העל און שטיל. און נאָר איין מענטש באטרעט
נאָך אָט די ערטער,
דאָס האָט א לאָזע צוגעקניפּט דאָס הארץ פון אלטן וועכטער
צו אָט דער ערד, ער זאָל מיט איר ניט טאָן זיך קיין צעשייד,

צו אָט דער ערד, אַפ היטנ אירע פּײרעס און איר פרייד,
צוריק איר קערנ די געשענקטע זומערס פונ זײַנ עלטער.

ער גארט, דער מענטש, אינ מויל כאָטש נאָכ איינ טרויב
ארײַנצונעמענ,
מיט זײַנע ליפּנ טרוקענע פארליבט און לאנג זי קלעמענ,
און אָט אזוי דעמ זומער נאָכ איינ קוש טאָנ אינ געזיכט,
אָט הוידעט זיכ א קוסט — אזא מינ בונטער קויש פונ ליכט:
„ניינ, מענטש, איכ בינ ניט פוסט, קענסט עפּעס נאָכ פאר
זיכ דאָ נעמענ."

ער רוקט ארײַנ זײַנ קאָפּ אינ קוסט און זוכט דאָרט אָפּ א גראָנע[1],
א רויטער בלאט פארפּלאָנטערט זיכ אינ זײַנ גרוי-באָרדיק פּאָנעמ,
און ס'דאכט, די גאָלדיק-שווערע גראָנע טוט צו אימ א ווונק:
„דאָס בינ איכ דאָכ אָט יענער קוואל, וואָס מאכט פונ עלטער יונג,
דו פרווו נאָר אויסצובאָדנ זיכ אינ אָט די זיסע שטראָמענ."

א קישעפּ ליגט אינ לעצטנ קראנצ, די טרויבנ — טאמ גאניידנ,
א טונקלקײַט פארשליסט דעמ זאפט, ווי גלײַכ א נאכט
וואָלט קליידנ,
וואָלט אײַנוויקלענ מיט זיכ א קיל-לעוואָנעדיקע שײַנ.
ווו ענדיקט זיכ דאָס בעכערל, ווו הייבט זיכ אָנ דער ווײַנ,
אינ טרויבנ אָנגעגאָסענע — איז ניט צו אונטערשיידנ.

ס'איז ציטעריק דער לעצטער קראנצ, געמאָסטנ און געוויגנ,
ער ליגט באַמ ווערטער אַפּ דער האנט, ווי א מינ בינטל אויגנ

1 א בינטל ווײַנטרויבנ.

גאָלדיק-שוואַרצע, פול באַהאַרצטע, יידישע — פאַרקלערט,
ווי גלײַך מע וואָלט זיי לעבעדיק פאַרגראָבן אין דער ערד,
און זיי האָבן צוריק זיך צו דער זון אַרויסגעצויגן.

דער וועכטער שפּיגלט זיך אין פּרוכט, ווישט אָפּ די בלויע שטויבן
און קוקט זיך אײַן אין שוואַרצן קראַנץ, ווי גלײַך אין אָוונט-שויבן,
און קלערט: „ווען ס'וואָלט דאָס אייניקל זיך אומגעקערט אַהיים,
וואָלט ער דאָך... עך, — גיט ער אַ קרעכץ, — ווו איז שוין זײַן געביין".
און ס'דאַכט, דאָ שטייט דער ערשטער מענטש מיט לעצטן בינטל טרויבן.

2

אָ, ניין, ניטאָ איז אַף דער וועלט קיין לעצטע פּיירע צווישן פּרוכטן,
און ניט דער אייניקער איז ער דאָ צווישן מענטשלעכע געבורטן —
דער קלוגער וועכטער ווייסט עס גוט. ער שפּאַנט פון באַרג אַראָפּ,
און ס'גייען אים אַנטקעגן גוטע ברידער אויף און אָפּ
און שטרעקן ברייט אים שאָלעם, ווי אַ מענטש אַ לאַנג געזוכטן:

„אַלייכעם דיר, רעב „יונגע ליפּן", — און די יידן שמייכלען.
דער וועכטער ענטפערט אָפּ זיי מילד: „און אײַך וועאַל-בענייכעם!"
„הער, זאָקן מיט די יונגע ליפּן, — רופן הויך די פרײַנט, —
די סימכע וועט אָן דיר ניט זײַן, מיר נעמען פּרעסן ווײַן"...
דער גוטער טאָג פון זײַן געזיכט דאַנקט אָפּ מיט בליק מיט ווייכן.

ער — אַ ווינטער אין דער באָרד, אַ פרילינג אַף די ליפּן,
ליפּן — ווי אין גרײַזע האָר וואָלט זיך אַ רויז פאַרקליבן,

114—2

ווי גלײַך זײַנע ערשטע ליבע וואָלט פֿארבלאָנדזשעט אין א וואלד,
א וואלד, וואָס קישעפֿט און וואָס היט זײַן באַכעריש געשטאלט,
אז מיידלעך זאָלן קענען אין א זאָקן זיך פֿארליבן.

זיי שפּאנען, אָט די גערטנער, הײַנט אָן מעסערס, אָן קלייזאַיִן,
ווי מיט די הענט פֿארקנעטן זיי געשמאקע ריידערײַען,
און מע פֿארפֿלעכט דעם שמועס מיט די ברעמען, מיט דעם בליק:
„אָט קערט זיך אום פֿון דער ארמיי שוין בערלס זון צוריק,
א סוואָרע, ס׳קען די ברוסט בא אים פֿאר אָרדענס שוין ניט
סטײַען.״

מע קומט. און דער קאָלווירט-הויף רופֿט זיי שוין גוט-יאָמטעוו
ביטן,
ס׳איז יאָמטעוו פֿון דער מי. אָט שטייען קײַלעכיקע ביטן,
און יעדער ביט איז אָנגעפּילט מיט פּרוכט, ווי א קרעדענץ,
און ס׳ווינקען, ווי ציגײַנערלעך, די שווארצע טרויבן-קרענץ
און רופֿן מאמזעריש-באכיינט צו זיך די איידע יידן.

די שיך און זאָקן אויסגעטאָן. די הויזן שוין פֿארקאשערט
בימכילע העכער פֿון די קני, איז נעמט מען זיך צום וואשן.
מע טויוולט לאנג זיך און פֿארטיפֿט, ווי פֿאר א גאָטעס-דינסט,
דערנאָך שוין ייִנגלשדיק-פֿארשארט מע פּליוסקעט זיך, מע גיסט,
ביז עס דערהערט זיך דאָרט א קאָל: „אן עק, א סאָף צום ראשן.״

„און ס׳איז איצט טאקע, „יונגע ליפּן״, צײַט שוין אָנצוהייבן,
די בכוירע ליגט בא דײַנע פֿיס, ס׳וועט קיינער זי ניט רויבן.״
דער וועכטער לאָזט אפֿ קרענצ אראָפּ זײַן ערשטן טראָט מיט
קראפֿט,

און ס׳עפנט זיך א רויטער קוואל, און ס׳יאָגט און שלאָגט דער זאפט,
און ס׳גייט א טאנץ א באָרוועסער מיט פיס אף קעפ פון טרויבן.

עך, די שיינער טאנץ פון מי,
ביסט געקליידט אין מיידל-שטאלט,
ווי פון ערד דער גאנג ביסט אלט,
יונג ווי זוניקער גאנצפרי.

מיט א קלינגער —
קלינגערײַ,
מיט א זינגער —
זינגערײַ,
ווילדער,
מילדער,
פול מיט גלאנץ
האָבן העגט ארײַנגעפלאנצט
אונדז אין לײַב ארײַן דעם טאנץ.

ס׳גייט צוערשט דער טאנץ באדאכט,
העגט צו קעפ ארופגעהויבן,
פיס אראָפגעלאָזט אף טרויבן,
איינס צום צווייטן צוגעשפארט.

מיט א צוויטשער —
צוויטשערײַ,
מיט א טרילער —
טרילערײַ,
הייסער,
בונטער,
פול מיט קראפט

פליסט פונ אונטער טריט דער זאפט
א באפרײַטער פונ דער האפט.

ייִדנ פרעסנ טרויבנ גוט,
ייִדנ שטארקנ זייער מוט,
אונ דער זאפט איז קלעפיק-זיס,
רינט א רויטער פונ די פיס.

ייִדנ טרעטנ טרויבנ שווער,
ייִדנ ווישנ אָפּ די טרער,
אונ עס צינדט זיכ אָנ דער ווײַנ,
אז דאָס הארצ זאָל מער ניט זײַנ
בא דער האָפענונג קײנ גער.

ייִדנ, אײַדא — קאראהאָד,
אײַדא, איידע, דריי זיכ, ראָד,
הוידעט מענ זיכ אָפּ איינ אָרט
אונ מע שעפטשעט: „וויפל פּאָרט
האָט דער סוינע אויסגעראָט?"

אָפּ איינ אָרט זיי שטייענ דענ,
יעדעס לײַב האָט שאָטנס צענ —
ווײַב אונ קינד אונ ווינד אונ בראָכ,
אונ די שאָטנס שרײַענ נאָכ:
„מיר זײַנענ אמאָל געווענ."

טרעט מענ ווײַנ, מע טרעט א וועג,
ווײַט דער וועג — ער פירט אוועק.

שטאַרקע פײַן — זי שטאַרקט דעם װײַן,
ברענט ער אױס אין האַרץ די פּײַן,
און מיט שײַן באַהעלט די טעג.

עך, דו שײנער טאַנץ פון מי,
ביסט געקלײדט אין מײדל־שטאַלט,
װי פון ערד דער גאַנג ביסט אַלט,
יונג װי זוניקער גאַנצפרי.

מיט אַ צװיטשער —
צװיטשערײַ,
מיט אַ טרילער —
טרילערײַ,
װילדער,
מילדער,
פול מיט קראַפט
פליסט פון אונטער טריט דער זאַפט
אַ באַפרײַטער פון דער האַפט.

דער װעכטער באָדט זיך שױן אין װײַן, ער װערט װי בעגילופן,
אים דוכט, עס אַרעמט אום זײַן האַרץ אַ װאַרעמער שינעל;
אים קלינגט, אים זינגט אַ טײַער קאָל: „עך, זײדע!” הערט ער רופן,
און ס׳טוט פאַר אים ברײטבײניק שױן זײַן אײניק זיך אַ שטעל.

אָ, װײַטער װעג! פון געטאָ ביז אַ װײַנשטאָק, ביז אַ פעלד,
אָ, װײַטער װעג! פון לאַטע ביז דעם אָרדען פון אַ העלד.

אונ ווײַטער גייט דער טאנצ פונ פיס אפ שווארצע קעפ פונ
גראָנעס,
דער וועכטער איז שוינ אײַנגעטונקט אינ זאפט ביז איבער פאָנעמ,
זײַנ אייניק שטייט, ווי א שטיק זונ באגינענ אפ דער ערד.
פונ שײַנ אונ ווײַנ עס ווערנ רויט אונ פורפורנ די בערד,
ווי ס'וואָלט אפ זיי גערוט די ליכט פונ שווערע רויטע פאָנענ.

1945

מייַנ ווייַטער טאָפּאָל

(1941 י.)

אוקראַינע, גרינע היימ,
די היילונג פאר מייַנ הארצ פליסט נאָר אינ דייַנע קרייַטערנ,
ס'איז אָנגעצייכנט מיר דיר אייביק נאָכצוגיינ,
דו זאָלסט פונ מיר זיכ קיינמאָל ניט דערווייַטערנ.

די ווילדקייַט פונ דייַנ שטיינ האָב איכ געטאָקט,
דייַנ זאמד באקרוינט מיט בעז מיט פּרעכטיקנ.
האָבנ דענ הענט מייַנע בא דייַנע ווענט געטאָגט,
אז ס'זאָל מייַנ קאָפּ אונטער דייַנ דאכ ניט נעכטיקנ?

דייַנ רייַכנ סאָד האָב איכ געדינט אזוי,
אז יעדער בלאט זאָל ווי א כאווער מיכ באגעגענענ.
כ'האָב דענ אינ קענדעלעכ געקליבנ פאר אימ טוי,
אז ס'זאָל די הייכ אצינד מיט שוועבל אימ בארעגענענ?

גוטע פרייַנט מייַנע בא דיר האָבנ געלעבט,
אלע ליבע מייַנע — דיר איבערגעגעבענע,
נאָר די, וואָס נעכטנ האָט דער קאט דאָ ניט געקעפּט,
זיי זייַנענ איצט פונ זייער נאכטלעגער פארטריבענע.

איך ווייס, מיר קענגנגיין וועט נאָכאמאָל דײַן טאָג
מיט גרינעם קוש פון פרילינג אָנגעקוואָלענעם,
איך האָב מיט דיר געמאָזלט און געפּאָקט,
איז מוזן מיר זיך איינס דעם צווייטן כאָלעמען.

מײַן היים — מײַן טאָפּאָל אונטער וואָלקן-ווינט,
דײַן ערד איז איצט אין וואונדן, ניט מיט אַלעמען,
נאָר פּונקט ווי ס'ווערט בא דיר דײַן גראָז ניט אָפּגעגרינט,
אַזוי בין איך פאַר דיר ניט קיין פאַרפאַלענער.

איך וועל דיר אָפּגעבן אין שלאַכטן מײַן געביין,
אַז אף דײַן ערד זאָל זיך דער הימל ווידער לײַטערן,
און אויב איך וועל פון דיר אין ווײַטסטן וועג פאַרגיין,
וועסטו פון מיר אויך דאַן זיך ניט דערווײַטערן.

דער האָגל

דאָס ערשטע האָגל-שטיק, וואָס איז פון הייך אראָפּ,
האָט אינדערלופטן נאָך געניייוויש, אָן געווימל
אף צוויי צעשפּאָלטן בא א טײַבעלע דעם קאָפּ,
ווי גלײַך א פויסט, וואָס ס׳האָט צונויפגעדרייט דער הימל.

ס׳האָט אזוי שנײַדנדיק דער האָגל זיך צעלאָזט,
ווי ס׳וואָלט דער שווארצער וואָלקן אים געפײַלט מיט בליצן
און וואָלט ארײַנגעפּאסט א קרירעדיקן פראָסט
אין קרײַז אין לויטערן פון זומערדיקע היצן.

אָ, בייזע אײַז-שטיקער, איר לעכערט אלץ, ווי שרויט,
פארפולטע מיט רעציכע פון פארלענדן, —
איר זענט קארעלן, וואָס באצירן נאָר דעם טויט,
א בלינדער כוישעך קוקט ארויס פון אײַער בלענדן.

א גרינער גליווערדיקער פלאַם אין אײַך עס גלייט,
נאָר ניט קיין גלעזעלעך אין אײַער בליאסק זיך מינען,
דאָס זיצט א היישעריק אין אײַער קאלטער מיט
און פרעסט דאָס לײַב פון מײַנע איידעלע זשאסמינען.

אויסגעזועצט איז שוין מײַן שויב, און אין מײַן פעלד,
ווי די הארוגים, ליגן זאנגען אויסגעצויגן,
און ס׳דאכט, אַף שערבעלעך צעבראָכן ווערט די וועלט
און האָגלען שטעלן זיך ווי בעלמעס אין די אויגן.

דער האָגל קראכט און לאכט און לאָזט זיך ווי אַף מאָרד,
און ווי א סאָד און ווי א פעלד — איז ער אינמיטן,
נאָר איך, איך בענק און זוך און נישטער אזא אָרט,
אז ער מיט אײַז זאָל מיך אַף אייביק ניט פארשיטן.

אָ, מיט מײַן אָטעם כ׳וועל צעשמעלצן אלדאָס בייז,
דורך אײַז און האָגל גיין צו זומערדיקע ברעגן
און מיט די ליפּן, מיט דעם גומען אזוי הייס
פארליבט זיך אײַנזויגן אין שעפעדיקן רעגן.

1941

דאָס האַרץ הייבט אַ טאָסט

אַ קלונג גייט אַ בעכער אין אַנדערן בעכער,
און אַ האַרץ צו אַ האַרץ, און אַ ליפּ צו אַ ליפּ,
מיט אַ פֿרײַנט ווערט די זון אין דעם הימל מיר העכער,
מיט אַ פֿרײַנט ווערט די ערד אונטער הימל מיר ליב.

ס'האָט די לאָזע געטרונקענע די ליכטיקסטע שטראַלן,
אַז דער ווײַן זאָל נאָך שטאַרקער פֿאַרבינדן אונדז, פֿרײַנט,
אין דעם שוימיקן שפּיגל פֿון אַלע באָקאַלן
האָט אײַער טײַער געזיכט מיר געשײַנט.

מיר גייען ווי אַ קאָס צו אַ קאָס זיך אַנטקעגן,
איין האַרץ איז פֿאַר אײַך, מײַנע ליבע, מיר קאַרג,
אויב כ'האָב אײַך נאָך שלאַכטן אַזעלכע באַגעגנט,
קומט טאַקע צונויף זיך אַ באַרג מיט אַ באַרג.

אונדזער טאָסט איז געמישט אי מיט סימכע צעדולטער,
אי מיט הייסן געמיט, אי מיט לעבן באַדאַכטס,
און איך ווייס ניט, וואָס איז דאָ נאָך מער איבערפֿולטער —
צי דער טהאָמיקער קאָס צי דאָס מענטשלעכע האַרץ.

מיר האָבן געקוקט אים, דעם טויט, אין די אויגן
און געזען נאָר דאָס לעבן, די ליבע, די ליד,
ווי מע זעט דורך דער כמאַרע דעם רעגנבויגן,
ווי מע זעט אונטער בלעטער פאַרדאַרטע דעם צוויט.

אָ, וויפל נאָך שטייען היינט גלעזעלעך פוסטע
פאַר יענע, וואָס האָבן פון אונדז זיך געפעלט,
און צווייענדיק ווערט זי, די בענקשאַפט, אין ברוסט אונדז,
ווי אַריין וואָלט אין אונדז זייער האַרץ, זייער וועלט.

אָט קלינגט שוין אַ בעכער אין אַנדערן בעכער,
און אַ האַרץ צו אַ האַרץ, און אַ ליפּ צו אַ ליפּ,
מיט אַ פריינט ווערט די זון אין דעם הימל מיר העכער,
מיט אַ פריינט ווערט די ערד אונטער הימל מיר ליב.

דער טעפּער

ניין, ניט קיין געטער קלעפּן טעפּ,
און ניט באַ זיי דער פורעם לעבט.

די רויטע ליים דעם טעפּער רעגט,
די טויטע ליים דער טעפּער וועקט

און מונטערט זי שוין לאַנגע יאָרן
מיט וואַסער פון דעם קוואַל דעם קלאָרן.

געפּלעטשט, געקוועטשט, געקלעפּט, געקלעמט,
פון ווינט געשלייפט, פון זון געברענט,

צעקלינגט זיך אונטער האַרטן נאָגל
מיט רויטן גאָלד א יונגער לאָגל.

צי איז קעדיי געווען צי ניין
פון באַרג צו רייסן הליבעס ליים,

צו שעפּן וואַסער פון די קוואַלן
און פון דער זון צו רויבן שטראַלן,

און אַלעס נאָר צוליב א טאָפּ,
דאָס קומט דעם טעפּער ניט אין קאָפּ.

ער וויל, אז פול זאָל זײַן די קײלע
מיט שטארקנ וויַנ, מיט מילדע איילנ,

מיט רייכעס, טאַמענ און מיט זאָד,
מיט זעט, מיט מאָלצײַט און גענאָד,

מיט אַלצ, נאָכ וואָס נאָר מענטשנ בענקענ,
מיט אַלצ פונ הערנ און געדענקענ.

און ווענ דער טאָפּ — ער פּלאצט אפּ צוויי,
באַמ טעפּער טוט דאָס הארצ דאָכ וויי,

נאָר קלעפּט זיכ אײַנ זײַנ מי אינ ליימ,
דאַנ גיט ער צו די קײלימ כיינ

מיט קווייטנ, קאַנטעלעכ און רינגענ,
זײַנ קאָל הייבט אָנ אינ פּורעמס זינגענ,

און מיט זײַנ זויבערנ געוויסנ
ער וויל דעמ מענטשנ לאָזנ וויסנ:

צומ ערשטנ ווערט דער טאָפּ געגליט,
דערנאָכ ערשט זינגט זײַנ הארצ א ליד.

וואס הייסט א ברודערל

וואָס הייסט א ברודערל

געווידמעט מײַן ברודערל באָרען,
דעם אומגעקומענעם אין פּעטשאָרער
טויטן־לאגער

ערשטע ליד

א טאָג גייט אַרײַן אין צווייטן טאָג
דורך נאכט, וואָס איז העל. צי דורך נאכט, וואָס איז שווארץ,
אזוי גייט אַרײַן א הארץ אין אַ הארץ —
אָדער דורך סימכע אָדער דורך קלאָג.

ברודערל־קינד, דו מײַן גאָלדענער צויט,
מײַן הארץ איז געפּרווט, מײַן הארץ דיך זוכט,
הײַנט איז דיר דרײַצן יאָר פון געבורט,
הײַנט — דאָס דריטע יאָר פון דײַן טויט.

מײַן הארץ איז אוועק אין א ווײַטן וועג,
ווײַל דו ביסט אוועק אין א ווײַטן וועג,

דו ביסט דאָך געווען מײַן גאַנץ פֿאַרמעג
אין פֿריִע אין מײַנע געשענקטע טעג.

און טרעפֿסטו מײַן האַרץ אַף די וועגן דאָרט גיין,
קינד, נעם עס מיט אַזאַ ווײַטעקלעך-צאַרטס,
נאָר טרעפֿסטו עס ניט, קער זיך אום דאַן אַליין
און גיי מיר אַרײַן אַף דעם אָרט פֿונעם האַרץ.

צווייטע ליד

איך וועל אָנטאָן דײַנע הענט אפּ מײַן אָרעמ,
און, ווי פריִער מיט יאָרן געוועג,
דיך טוליען צו זיך אזוי וואַרעמ,
ווי נאָר א ברודער קען.

אין מײַן עפּל פון אויג כ׳וועל פארזייען
דײַן שוואַרצאַפּל — דאָס קערנדל ליכט,
ס׳וועט עפּשער דאַן ווידער מיך פרייען
דײַן ליב, דײַן בענימעס געזיכט,

דײַן קאָפּ מיט די בלאָנדלעכע קרויזן,
ווי א בערגעלע רויזן אין גין,
און אינגאַנצן דײַן קינדערשער אויסזען,
וואָס קען ניט ארויס מיר פון זין.

אין אָדערן דײַנע, ווי אין פליייטן,
וועט וויינען מײַן בלוט און מײַן פּײַן,
און מיר וועלן איינס אין דעמ צווייטן
מיט פריידן און ליידן ארײַן.

צי זײַנען מיר דען ניט קיין צווילינג,
וואָס וווינט אין איין לײַב, אין איין הארץ,
אוועק ביסט פון מיר ווי א פֿױלינג
און געקומען צו מיר ווי א הארבסט.

דריטע ליד

פון א גרויען פאפירענעם וועלט,
ווי א שטערן דורכן נעפל,
א ניט פארענדיקט געמעל
פון א גרינעם רוילעכן עפל.

דאָס פאפיר טוט א רוק זיך צו מיר,
ווי דו וואָלסט עס געבן א רודער
אפ אָנצינדן נאָך איינ קאָליר, .
מיין קליינינקער מאָלער, מיין ברודער.

האָסט דעם עפל באצירן געוואָלט
מיט שטרייפן מיט רויטע גרויסארטיק
און וועקן זיין רייפקייט מיט גאָלד,
אז דער עפל זאָל ווערן פארטיק.

נאָר דו און דיין גאָלד איז פארמעקט,
ס׳האָט דאָס ליכט זיך פאר מיר ווי געמינערט,
און א יאָר נאָך א יאָר גייט אוועק,
און דער עפל בלייבט א גרינער.

פּערטע ליד

צום טויט־לאַגער אָט דער וואַלד געהער,
א וואַלד א געמישטער פון סאָסנעס און יעלן,
און ווען מ'האָט געבראַכט אים, מײַן ברודער, אהער,
איז אים דאָס אָרט אפילע געפעלן.

צי ווײַל מײַן ברודערל האָט שוין געוווּסט,
אז איין טראָט פונעם לאַגער ארויס קאָסט טײַער,
האָט זיך אים קריכן אין הייכן פארגלוסט,
דאָרט אף א בוים זיך דערפילן כאָטש פרײַער.

צי ווײַל ער איז גלאַט נאָך געוועזן א קינד,
און א קינד איז פארשײַט, און א קינד וויל שטײַגן,
האָט ער א הייב זיך געטאָן ווי א ווינט
און האָט זיך געוויגט ווי א פיירע אף צווײַגן.

און ס'האָט פון די סאָסנעס א ווייע געטאָן
מיט רייכעס פון ברויטן, באשיטע מיט קימל,
מיט רייכעס פון בייגל, באשפּרענקלט מיט מאָן,
ווי ס'וואָלט זיך א סודע געפּראוועט דער הימל.

און ס׳האָט זיך מײַן ברודערל עסן פֿאַרוואָלט,
ס׳האָט געדאַכט, אַז אַ וועוועריקל זוכט מיט פּיסלעך
דאָרט הויך אויפֿן בוים צווישן נאָדלעך גאָלד —
עפּשער וואַקסן אויף סאָסנעס ניסלעך.

נאָר ס׳האָבן זיך שישקעס געוויגט נאָר פֿאַרדאַרט,
און נאָדלעך האָבן דאָס לײַב אים געשטאָכן,
אַראָפּ אויף דער ערד איז ער זייער באַצאַרט,
און ס׳האָט זיך אין אים ווי אַ צווײַגל צעבראָכן.

און דערפֿילט האָט דאָס קינד, ס׳זײַנען ביימער פֿאַרשוועכט,
דאָס האָבן בעקיוון געטאָן די עסעסן:
געמאַכט אָט דעם דופּטיקן וואַלד אַזוי שלעכט,
ווײַל אין אַ וואַלד וויל מען שטאַרקער נאָך עסן.

פינפטע ליד

פאַרקלערט, ווי באַיאָרט, איז מײַנ ברודער געוואָרנ,
ער איז דאָ נאָכ איינ מאָל ארופ אפ א בוימ
אונ דערזענ, ווי די מילכיקע פעלדער מיט קאָרנ
שטראָמענ אַרײַנ אינ דעמ גאָלדענעמ רוימ.

ער האָט מיט די ציינ צו דעמ פעלד זיכ געריסנ,
צומ זאנג, וואָס איז גרינ, וואָס איז זיס, וואָס איז ווייכ, —
אונ דאָס איז געווענ שוינ זײַנ לעצטער ביסנ
אונ אויכ שוינ זײַנ לעצטער קלעטער אינ הייכ.

די פיס האָט דער הונגער פארקלעמט אימ מיט צוואנגענ,
אימ האָבנ זיכ פעלדער, נאָר פעלדער געדוכט,
עס האָבנ אינ אויער געראוישט אימ נאָר זאנגענ,
ער האָט מיט די ליפנ ווי עפעס געזוכט.

זײַנ האנט האָט זיכ אלצ נאָכ געשטרעקט, ווי פארלאנגענ
די ליכטיקסטע פארבנ געפינענ זי וואָלט,
אז צייכענענ זאָל ער די קאָרענע זאנגענ,
ער זאָל זיי פארמאָגנ כאָטש איבערגעמאָלט.

נאָר ס׳איז דאָ צו פאַרבּ, ווי צום בּרויט, ניט צו גרייכן,
איז האָט ער געפונען באַם שײַטער א קויל,
אַפּ פאַרקנס די זאנגען געצייכנט, געצייכנט,
בּיז אופגעגאנען איז אין זײַן מויעך א גרויל,

ווי ער מיט דער קויל וואָלט פאַרטונקלט די זאנגען.
דערפילט האָט זײַן הארץ א פאַרקלעמטס, א בּאַצאַרטס,
אַז פאַר אים אַפּ דער וועלט איז דאָס פעלד שוין פאַרגאנגען,
אַז פאַר אים אַפּ דער וועלט זײַנען זאנגען שווארץ.

זעקסטע ליד

מײַן ברודערל איז קראַנק, דאָס קינד האָט היץ,
און עס שטעכט אים די יעל אין דעם שלייף אין דעם הייסן,
און אים דאכט, אז די הייך ברייט זײַן לײַב מיט א בליץ
און דער טוי אים באגיסט ווי מיט פראָסטיקע שווייסן.

יאָ, מײַן ברודער האָט היץ, יאָ, מײַן ברודער איז קראַנק,
און אים דאכט, אז עס לויפט אפ איין פוס פון די פעלדער
אפ מעוואקער-כווילע צו זײַן אים א זאנג,
אז ער זאָל ניט ליגן אין וואלד אזא עלנטער;

אָט קומען אין וואלד ארײַן פעלדער נאָך פעלד,
און ער קען זיך שוין באלד דאָ קיין אָרט ניט געפינען,
און ענג, ווי א רייף, כאפט ארום אים די וועלט,
און ער רײַסט זיך צו לופט... און אינמיטן-דערינען

ער קלעטערט אפ אלע פיר דורכן וואלד,
און ווען ער דערקריכט צו דעם לאגערשן פארקן,
דערהערט ער א רעווע פון וועכטער: „האלט!"
און מע לאָזט אים אראָפּ אזא דול אין דעם נאקן:

„אָט דאָ ענדיקט, יודע, פאַר דיר זיך די ערד,
און זאָלן שוין מער דאָ ניט קריכן קיין שנעקן.״
דער זעלנער — ער האַלט אַ מין פוס פון אַ פערד,
אַ ביינערנעם פוס אויף דעם אָרט פון אַ שטעקן.

און עס לאָזט זיך דער פוס ווי אַ האַמער אַראָפּ,
ווי דער פויסט פון אַ טויט, וואָס ניט טרייבט קיין קאַטאָוועס,
און עס שפּרינגט אַ סקעלעט פון אַ פערד אויף זיין קאָפּ
אַזוי שווער, ווי פאַרהיט וואָלט ער אַלץ די פּאָדקאָוועס.

מיין ברודער האָט ליב געהאַט פערדלעך, ווי פריינט,
ווי נאָר אַ קינד קען ליב האָבן כּייעס,
נאָר היינט האָט מיין ברודער פערדעלעך פיינט,
ווייל עס דרעשעט אַ פערד אים אויס דאָס כּייעס.

זיבעטע ליד

צעשלאָגנ מײַנ ברודערל ליגט,
דעמ קינד איז אָט קאלט, אָט ווארעמ,
אונ די גאנצע צײַט שטײט פאר זײַנ בליק
א גלעזערנער אקווארױמ:

דאָס גלאָז איז גראָב אונ געשליפנ אונ גרינ,
די װעגטלעכ אונ ראנדנ — גלאנצנ,
דאָס װאסער — א שטילע כוואליע בורשטינ,
אונ ס'הוידענ זיכ וואסער-פלאנצנ.

א פיש גיט פונ דעק זיכ א הײב, זיכ א טרײַב,
אונ א שפרונג, ווי ער לויפט פונ סאקאָנעס,
אונ ס'גיבנ די ליסקעס א בליאסק אפ זײַנ לײַב,
ווי טויזנטער קלײנע לעוואָנעס.

אונ דער פיש גיט א נײג זיכ, א בײג אלע ווײַל,
דאָס קינד אימ באגלײט מיט די אויגנ:
„פישעלע, ביסט דאָכ די גאָלדענע פײַל
אונ ביסט אויכ דער זילבערנער בויגנ.

די פייל און די בויגן, אָ, פישעלע מיינס,
די בייגסט זיך אזוי ווי מיין אָרעם,
איך זע: פאר דיין אויג, וואָס ווערט גרויס פון פיין,
איז קליין, אוי, ווי קליין, דער אקוואריום.״

אָט גיט עס א שוווּם און אָט גיט עס א קלונג
מיט דעם ביינערנעם מויל אין די גלאָזן,
און עס לעשן זיך ליסקעס א פונק נאָך א פונק,
ווי זיין יאם וואָלט זיך אויסגעלאָזן.

אין גאָלדענעם פישעלע צאנקט שוין די שיין —
אויך ער צאנקט אזוי אָן א מאמען.
ווי קען אין אקוואריום דאָס פישעלע זיין,
אויב ס׳איז געבוירן אין יאמען.

אים דוכט, אז ער נעמט דעם אקוואריום אוועק
און טראָגט אים אפ וועגן אריבער,
און קומט ער מיט אים נאָר צו גיין צו א ברעג,
צעברעכט ער אים דאָרט אין א הליבע.

און ווען ס׳וועט דאָס פישעלע, פונקט ווי א טרער,
געבן אין יאם א פארגיי נאָר,
וועלן אהין פון זיין הארץ, וואָס איז שווער,
אראָפפאלן אלע שטיינער.

אכטע ליד

אָט גיט זיך א פויגל א הייב און א ריס
פון צווייַגל ארוף אין די הייכן
און טראָגט זייַנס אן אייפעלע אום אין די פיס,
געפּרעסט צו דעם הארץ צו דעם ווייכן,

און דאָס אייפעלע הוידעט זיך פּוכיק און קליין,
ווי געווען וואָלט דער הימל זייַן וויגל,
און עס שרעקט אים אפילע דער טויט ניט אליין
אונטער מוטערלעך-אייביקע פליגל.

נאָר דער פויגל צעשרייַט זיך אין הייך אלעמאָל,
ווי עס וואָלט זיך דער הימל צעוויינען,
און צערודערט אזוי קלינגט אין ווייַטן זייַן קאָל,
אז עס לייגט אפן הארץ זיך אן איימע.

צי ווייַזט זיך אים אויס, אז עס דראָט פארן קינד
א סאקאָנע אפּ זוניקע וועגן,
אז עס שוועבט ניט קיין וואָלקן, עס יאָגט ניט קיין ווינט,
נאָר עס פליט זיי א שפּארבער אנטקעגן.

צי דאכט זיך אים אויס, אז ער קען עס אליין
מיט נעגל כאַלילע צעשטעכן,
צי דאכט זיך אים אויס, אז ער קען גאָר אליין
א פעדערל פלוצעם צעברעכן.

און מײַן ברודערל קוקט, ווי זיי פליִען אין צוויי,
און דעם אייפעלע איז ער מעקאנע,
און עס דוכט, אז אָט רײַסט זיך פון אים א געשריי:
„וועלט, גיב מיר אָפּ די מאמע!"

אָ, ווען זײַן מאמע וואָלט פליִען געקענט,
זײַן גוטע פארלאָרענע מוטער,
זי וואָלט אים דורך הימלען אפּ שוועבנדע הענט
געבראכט צו אן ערד צו א גוטער.

נײַנטע ליד

מײַן ברודער זיך ווייקט אונטער רעגן-טראָפּנס,
די נעץ לעשט אויס זײַנע לעצטע קרעפטן,
און פּונקט ווי מיט מיטגעפיל ליגט אים צוקאָפּנס
און ווייקט אין דער נעץ זיך זײַן שילעריש העפטל.

אים דאַכט, ווען ער וואָלט עס געעפנט אצינדער,
וואָלט אויך שוין דער הימל געוואָרן דאַן קלערער,
און ס'וואָלט זיך באַוויזן זײַן שול מיט די קינדער,
און ווידער פאַר אים וואָלט געשטאַנען זײַן לערער.

ער עפנט עס אויף, ווי זײַן קלאַס, ווי זײַן צימער,
אַ בייגעלע רוישט, און עס קוקן פון דאָרטן
די פּרוכטיקע ביימער, פאַרהילטע אין שימער,
פון איבערגעמאָלטן גינגאָלדענעם גאָרטן.

זײַן לערער געמוסערט האָט שטרענג פאַרן צייכ'נען
אין העפטל פון כיבער און כיסער — געמעלן,
נאָר עפּעס ניט אויפגעהערט קלערן און שמייכלען,
ווײַזט אויס, אַז דער גאָרטן איז שטאַרק אים געפעלן.

און איצט אפֿן בילד פֿאַלן טראָפּנס און קלעקן,
און ס׳דאַכט זיך מײַן ברודער, אַז שלעכט זײַנען שלאַקסן,
זיי קומען גאָר ביימער פֿאַרקלעקן, פֿאַרמעקן,
און ביימעלעך דאַרפֿן אין רעגן דאָך וואַקסן.

דער גרינער קאָליר ווערט אין נעץ, ווי אַ שימל,
מײַן ברודערל טראַכט, ווען זײַן בוים וועט זיך עקן,
וועט דאַן אָט דער טריפֿנדיק־גרויליקער הימל
אויך אים פֿון דער ערד שוין אַפֿ שטענדיק פֿאַרמעקן.

אָ, ניין, אָט די נעץ איז ניט איבערצוטראָגן,
פֿאַרוואָס שלאָגן איצט אַזוי ווילד אָט די שלאַקסן,
ער איז דאָך אַ קינד, און די מאַמע פֿלעגט זאָגן,
אַז אונטער אַ רעגן די קינדערלעך וואַקסן.

צענטע ליד

הײַנט איז מײַן ברודערל גרינגער געוואָרן.
ווי מאָדנע, ער וויל שוין אפילו ניט עסן,
ער פילט זיך אפילו, ווי גלײַך נײַ-געבאָרן,
ער האָט שוין אפילו אין ווייטעק פארגעסן.

ער פילט, ס'איז אים לײַכט און עס גלוסט זיך אים פליִען,
ווי ס'וואָלטן די ביינדעלעך פול זײַן מיט הימל,
און ס'ליגט נאָר איין וואָלקנדל שווער אין די קניִען
און קריכט צו זײַן קאָפּ מיט א רויִקן דרימל.

אים דאכט, ער צעעפנט זיך זעלבסט, ווי א טויער,
און שוועבט שוין ארויס פון די בלײַענע גלידער,
און לאָזט דאָ זײַן לײַב, ווי א טאָרבעלע טרויער,
און וויל זיך צו דעם שוין ניט אומקערן ווידער.

אָט פליט ער, זײַן אָטעם טראָגט ווילד זיך מיט איימע,
ער האָט דורך א כמארע זיך דורכגעשלאָגן
און זעט, ווי אין וואלד ליפּט א האק נאָך א ביימל
און ווערט עס אָט באלד מיט דער שארף שוין דעריאָגן.

עלפטע ליד

ווען איך ווייס, ווו צעשיט האָט דער טויט דײַן געמיט,
וואָלט איך קלײַבן דיך אייוועך נאָך אייוועך;
איך וואָלט זיך געשטעלט בא דײַן קאָפּ, ווי א ליכט,
ווייס איך ניט, ווו איז דײַן קייווער.

אויב א באַרג וואָלט ארויף אפּ דײַן יונגן געביין,
וואָלט ער זעלבסט אָנגעהויבן זיך רוקן,
עס וואָלט אים געוועזן א בושע צו שטיין
אפּ אזא מינ-אָ קינדערשן רוקן.

און אויב נאָר א טײַך הילט, מײַן ברודער, דיך אײַן,
איז קען דען א כוואליע דיך צאמען,
זי טראָגט דיך ארײַן, ווי א שיפּעלע פײַן,
אין זיבן אָנבערעגיקע יאמען.

און אויב אונטער וואָרצלען דו ליגסט אין א וואלד,
אין א זאפּטיקן גרונט אין א ווייכן,
זיי נעמען געארעמט ארום דײַן געשטאלט,
איך זאָל דיך ניט קאָנען דערגרייכן.

מײַן ברודער, איך װעל דיך ניט זוכן אַרום,
מע זוכט דעם אין זון, װוּ א שטראַל איז?
ביסט אַװעק, ביסט ניטאָ, דו זאָלסט זײַן אומעטום,
דו זאָלסט זײַן אומעטום און אין אַלעס.

איך װעל דיך שױן מערער ניט זוכן, װי פֿרי׳ר
מיט בלאָנדזשענדע פֿיס דיך ניט טרעטן,
װײַל װוּ כ׳װעל ניט פֿאַלן, װעל איך פֿאַלן אף דיר
און װעל מיטן האַרצן דיך גלעטן.

צוועלפטע ליד

דו פרעגסט מיך, מײַן פרײַנט, וואָס מיר פעלט, וואָס מיך קוועלט,
ווּהין איז געוואָנדערט מײַן רודער,
דו ווייסט דאָך, מיר קומען אהער אַף דער וועלט
אַף אייביק צו זוכן אַ ברודער.

דו זאָגסט, אַז פון אים איז אַריבער ניט מער
ווי זײַן קרעכץ איבער שטעכיקע דראָטן,
אַז ער אין מײַן אויג איז ניט מער ווי אַ טרער,
אַז ער איז נאָר מײַן צווייטער שאָטן.

אָ, דאַן, ווען אַף אונדז וועט שוין שטײַגן אַ באַרג,
און מיר וועלן זינקען אין גריבער,
וועט מײַן ברודער אַלץ זײַן, ווײַל אַ ברודער איז שטאַרק
און לעבט מײַנע ביינער מיר איבער.

1945

א ליבע אין מיל

באלאדישע פאעמע

א ליבע אין מיל

באלאדישע פּאָעמע

קאפיטל 1

ווי א שוועלבעלע קלינגט זײַן פינגער אין שויב:
— פעדער זיך פרי הײַנט, מײַן טויב!

און ווידער א קלונג: — שטיי אויף, טו זיך אָן,
כ׳האָב, מאמע, פון פראַנט זיך געקערט.
— מײַן קינד, איך בין לאנג שוין אָנגעטאָן,
כ׳האָב לאנג שוין דײַן קומען געהערט!

— דו האָסט ניט גערוט, און דײַן אויג איז דיר קלאָר.
— ס׳האָט מײַן אויג דיך געשפּיגלט פיר יאָר,
מיט דײַן ריע געקוקט, מיט דײַן בליק זיך פארטראכט
און געווארט און געוואכט אָט די נאכט.

— און פארוואָס עפּעס הײַנט?
— כ׳האָב געפילט, כ׳האָב געוווסט,
ווײַל ס׳איז לאנג מיר געווען שוין די ווײַל,
א מאמעס הארץ איז ניט אין דער ברוסט,
עס לויפט פאָרויס אפּ א מײַל.

— ווי ווײַס זײַנען, מאַמע, בײַ דיר שוין די האָר,
ס'איז מיט זילבער דײַן עלטער באַשענקט.
— ס'זײַנען ווײַס מײַנע האָר, ווײַל נאָך דעם־אָ קאַיאָר
זיי האָבן פיר יאָר געבענקט.

ער גייט מיטן גראָבן שינעל זי אַ גלעט,
זי שטאַמלט צו אים מיט געבעט:
— נו, רו זיך שוין אָפּ, זאָל פאַרזוכן דײַן קאָפּ
דעם טאַם פון אַ קישן אין בעט.

אַ קוק אויפן בעט, און אַ קוק אויף איר,
און גייט זיך אַ קער צו דער טיר.
— וווּהין?
— אַהין!
זי קוקט באַטריבט
און זאָגט: — מײַן קינד, ניט אײַל.
— מאַמע, אַ האַרץ, וואָס ציט און ליבט,
לויפט אויך פאַרויס אויף אַ מײַל.

— לייג צו זיך, מײַן זון, ביז ס'וועט אויפשטיין די זון,
מיט דער זון קוק, מײַן קינד, זיך אַרום.
— דײַן וואָרט איז פאַרשטעלט, אָ, דײַן וואָרט איז האַלבמויל,
ווי ס'איז איבערגעשניטן פון גרויל.

— וואָס מאַכט מאַליע?.. די מיל?.. — פרעגט ער שטיל
און מיט שרעק, —
זיי האָבן דאָך אויך ניט גערוט.
— ס'האָט מאַליע, אַז גרינג זאָל דיר זײַן אין דײַן וועג,
דעם מילשטיין באַוועגט מיט איר בלוט.

אוי, אלט איז געוואָרן דער מילנערשער שטיין,
מײַן טײַער קינד, מײַן גערעכטס,
שוין ניטאָ יענער רויש, ווען דו לאָזט אים נאָר גיין,
ס'דערטראָגט זיך פון אים איצט א קרעכץ.

— דער שטיין האָט א שפאלט, איז שוין אלט, איז שוין גרוי,
איז קרעכצט ער אין גאנג אָט אזוי,
נאָר מאליע מײַן פרוי איז דאָך פריש, ווי די וועל,
וואָס טרײַבט אונדזער מילעכל שנעל.

ווו איז זי? צי לעבט זי? עס טרײַבט מיך, עס טרײַבט!
— מײַן טרײַער, זי לעבט, דײַן ווײַב,

נאָר גיי ניט אין מיל. פאר א מיל איז צו שטיל,
דאָרט כליאנעט אָן קערנער דער קויש.
— פונוואנען הייבט אָן דען צו רוישן א מיל,
און וואָס איז דען, מאמע, איר רויש?

דאָך ניט פון דער כוואליע, וואָס פאלט אזוי גלײַך,
ווי פארבענקט צו דעם מילראָד אראָפ,
און קושט אים מיט קויכעס מיט אלע פון טײַך,
און פארדרייט אים אפ אייביק דעם קאָפ,

און ניט פון דעם פעלד, וואָס עס קומט נאָכן שניט
מיטן לײַב זיך א רײַב טאָן אין שטיין,
דער רויש פון דער מיל הייבט זיך אָן אין דער מיט
בא ידעם מילנער אין הארצן אליין.

קאפיטל 2

אויב ס'איז געוואָרן א סימען אפ טאָג,
איז ווײַל ס'האָט געגרויט זײַן שינעל
און האָט נאָכן מילנער זיך נאָכגעיאָגט
צערודערט אזוי און שנעל.

ווי דאָס שלאכטפעלד זיך קערט צו דעם ברויטיקן פעלד,
אָט אזוי קערט ער אום זיך צום ווײַב,
צווישן גרויען מעל און גרויען שינעל
לויכט אים נאָך העלער איר לײַב.

די ווינטלעך באגלייטן מיט ציטער זײַן שפאן,
ווי מאליע אים נעמט ארום
און שעפטשעט: „געדענקסט, ביסט געוואָרן מײַן מאן
אין איינעם אן אָנהייב פון יונ,

און געווען איז דער יונ מיט א ווינטער אין מיט —
א כוידעש מיט פענעמער צוויי,
ווי גיין וואָלט ער שלאָפן א צווײַגעלע צוויט
און דערוואכט ווי א צווײַגעלע שניי.“

וואָס קלינגט אזוי טרויעריק מאליע אינ אימ,
אזא איז געווענ דענ איר שטימ?

איר שטימע אליינ איז פאר קינדערשער פרייד
דאָכ א לערערנ טאָמיד געווענ,
אירע ליפנ — א קייטעלע ליכטיקע רייד,
אז איר קאָל האָט מענ מאמעש געזענ.

ניינ, ניינ, ניט קיינ ליפנ — א טויערל שיינ
האָט פאר הערצעלעכ יונגע געהעלט,
וואָס עפנט זיכ אופ אונ וואָס פירט זיי אריינ
דורכ מייסעלעכ גלייכ אינ דער וועלט.

אונ איר האנט האָט פאר זיי נאָר גערעדט מיט א גלעט,
ער זעט יענע האנט נאָכ ביז היינט,
ארומ איר אפנ אָרט פונ אנ ענגנ בראסלעט
האָט א שנירעלע קרעלנ געשיינט.

אינ גרינע בורשטינענע קרעלנ באצירט,
האָט איר האנט זיכ געמינעט אזוי,
ווי זי וואָלט זיי, די קינדער, צו לאָנקעס געפירט,
ווו עס ווייסט ניט קיינ ווינטער דער טוי.

* * *

פון מאַליען האָט דאַן אָנגעהויבן זיך יונ,
אָט גייט שוין דאָס שול-יאָר צו ענד,
און ווי שיין איז, ווען קינדער זיי טראָגן ארום
די לערערן צאַרט אַף די הענט.

דאָס טראָגן זיי מאַליען, זי טוט זיך אַ ריס:
— כעוורע, גענוג שוין, לאָזט אָפּ!
נאָר קוסטעלעך פלעכטן ארום אירע פיס
און פאַרשיטן מיט קווייטן איר קאָפּ.

און אין מאַליעס געלעכטער פּאַליוסקען זיך ריין
אירע ציין אַזוי כיינעוודיק וווּיל,
ווי צווייי און דרייַסיק קינדער אַליין
וואָלטן געלאַכט אין איר מויל.

און פאַרכאַפּט האָט זייַן גליק נאָר איין טאָג פאַרן קריג...
(פיר יאָר, גיט דעם טאָג אים צוריק!)

אַ שווערד האָט זיך זיי צווישן ליפּן געשטעלט
און האָט זייער קוש ווי צעשיידט,

און ווען שמאָל איז פאר צווייען געוואָרן די שוועל,
האָבן דאן אים באגלייט אירע רייד:

— דײַן וועג איז א מענטשלעכער אָטעם די לענג,
די צײַט — קורץ, ווי א שאָס,
ווײַזט אויס, אז א הויז מיט א טיש איז איצט ענג
פארן פולן און מענטשלעכן קאָס.

איז זאָל איצט דאָס שלאכטפעלד אונדז ווערן דער קאָס,
און די מיל בלײַבט אפ מיר, ווי די שול,
ווײַל וואָס זײַנען קינדער אָן קערנדלעך, וואָס?
אונדזער מעל איז מיט פולווער איצט פול.

און איר האנט מיט קארעלן מיט אלע האָט אים,
ווי מיט בליקן פארטערטע, באגלייט,
נאָר ווי זוימען פון ליבע, זיי האָבן זיך גרינ
און טיף אין זײַן הארצן פארזייט.

אוי, די ליבע איז קלוג, אוי, די ליבע גראָבט טיף
אין הארץ ביז דער זיבעטער הויט
אזא שוצגראָבן זיך, אזא ווארעמען ריוו,
ווו עס גרייכט שוין צו איר ניט דער טויט.

האָט געקענט דען געפינען די צײַט אזא שאָ,
א בייז זאָל מיט מאליען געשען,
און געשיקט זיך, אז זי איז אפ אייביק ניטאָ,
ווײַל איין יאָר איז דער דײַטש דאָ געווען?

פארוואָס, ווען דער שעד איז אוועק פון דער שטאָט,
האָט די אַלטע אים וויסן געלאָזט:
„איך און דײַן מאַליע — מע לעבט, דאַנקען גאָט,
שוין גאָרניט קיין ווײַבל קיין פּראָסט.״

צי איבערגעמאָלט דאָ זײַן מיל האָט דאָס ברויט
פאַר אים אין א פּראָשעק מיט סאַם,
און עפּשער דער שעד האָט זײַן מאַליען געטייט,
דער מילשטיין זאָל זײַן איר א צאַם.

קיין שמעטערלינג איז ניט דאָס האַרץ און די זעל,
אַז זיי זאָלן פלאַטערן סטאַם.
בא דעם קלענסטן מילעכל ציטערט די וועל
דאָך אַזוי ווי אין גרויסן יאַם,

דורכן קלענסטן מילעכל גייט דאָך דאָס פעלד
אויך צו דער ווײַטער וועלט,
אפן קערנדל, וואָס נערט, אפ זײַן ליבסטער, וואָס העלט,
איז די זון מיט דער ערד דאָך געשטעלט.

קאפיטל 3

בא דער זײַט שטייט די מיל פון דאָרף און שטאָט,
ווי מיט קיינעם ניט אָנגעקערט,
נאָר וועדליק עס ציט זיך צו איר זײַן טראָט,
שטייט זי אין מיט פון דער ערד.

ווי מיט ווײַסלען פון ווײַט קוקן בערג מיטן קרײַד,
זיי זײַנען פון מושלען געקלעפּט,
און עס רוישן די מושלען, אז אין אוראלטער צײַט
האָט א וואסער אף זיי דאָ געלעבט.

מיט זיי האָט ער קינדווײַז ניט איין מאָל גערעדט, —
זיי מוזן דאָך הערן זײַן שפּאן,
אויב מויערקעפּ זײַנען כאָטש נאָר דער סקעלעט
פון א פארשטאָרבענעם יאם.

פון בערג פון ווײַסברוסטיקע שטראָמט אף א קאָל
אזוי הילכיק און מילכיק א טײַך,
און שטרעקט זיך אזוי ווי א האנט צו דעם טאָל,
און שפּײַזט אים און וויגט אים צוגלײַך.

114—5

און צוקאָפּנס דעם טײַך הויכט א ליכטיקער שטיין,
ווי גלײַך בא א גרינינקער וויג
וואָלט אייביק ניט אופגעהערט מוטערלעך שטיין
א קלאָרע און ווײַסע ציג.

און דאָרט, ווו דער טײַך שפּרינגט פון שטיינער אראָפּ
און זײַן גאנג און זײַן דראנג ווערט געשטארקט,
קלעפּט, ווי דער רווישיקסטער מויערקאָפּ,
די מיל זיך ארײַן אין דעם בארג.

נאָר איצט איז דאָס קרײַד אונטער זונען-שײַן רויט,
ווי א פיש הענגט אין לופט א שטיק בריק,
און עס דאכט, אז די ציג איז אין בערג שוין געטייט
און אין טאָל איז צעבראָכן די וויג.

ס'האָט די דאמבע צעריסן, צעביסן איר צוים
און כלינעט און פינעט און טויבט,
ווי אלע וואסער-ליליעס שוין
וואָלט זי צעריבן אין שטויב.

און דאָס „שופל", וואָס פירט צו דער מילראָד דעם שטראָם,
שווימט, ווי אין הימל אוועק —
ווי א שאָס וואָלט צעעפנט דעם שופל א טהאָם
ארוף ביז דער הימלשער דעק.

דאָס שופעלע הענגט, די דאמבע — זי זינקט,
די בריק איז צעלעכערט און שווארץ,
און דעם מילנער איז שווער איצט, אזוי ווי עס טרינקט
דער מילשטיין בא אים זיך אין הארץ.

אָט איז ער, דער מילשטיין, ער ליגט, ווי פארשמאכט,
מיט ברויט האָט מען אים ניט געשטאָפּט,
נאָר טרינקען עס האָבן אים כוואַליעס געבראַכט
וואַסערן איבערן קאָפּ.

אין דעם אייבערשטן שטיין איז געוואָרן דער שפּאַלט
דורכגעמוליעוועט, ברייט,
— דו האָסט שוין, מײַן שטיין, ניט קיין ציין, דו ביסט אַלט,
האָסט דײַנס זיך שוין אָפּגעדרייט.

אָט הייבט ער אים אונטער, א שלײַענדל בלאַנקט
פון העלער הויט מיטאַמאָל,
ווי סע וואָלט זיך א צאַפּלענדיק־זילבערנער זאַנג
פאַרטראָגן אַהער פונעם טאָל.

און עס שפּרינגט ווי א פונק פונעם שטיין אַזוי שנעל,
אָ, דער ווילן צום לעבן איז גרויס,
אויב דאָס פישעלע קען צו דער וועל
פון צווישן דעם מילשטיין אַרויס.

דערמונטערטער גיט ער דעם שטיין א צעוויג,
וואָס קרעכצט, ווי צום אָרט צוגעקלעפּט,
און ס׳דוכט אים, ווי עמעצער וואָלט דאָרט צוריק
צו זיך אָט דעם מילשטיין געשלעפּט.

און א פּראַל און א פאַל, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט
דער אונטערשטער שטיין אומגעריכט,
מיט פליאַמעס פאַרקילטע און רויטע פאַרפלעקט,
ווי א ריזיק צעבלוטיקט געזיכט.

און אָט גיבן אימ גרינע קארעלן א בלענד,
ווי אויגן צעמישטע ווי צען,
און אימ דאכט זיך, אז ער האָט גאָר מאליעס צוויי הענט,
פארקלעמטע זיך ציִען דערזען.

אָט ציט זיך איינ האנט מיט די פינגער צעשפרייט,
פונקט זי נעמט אירע קרעלן צונויפ,
נאָר זיי, אָט די קרעלן, פארקײַקלטערהייט
זיך גיבן פונ איר א צעלויפ.

און עס דאכט, אז זי בעט זיי: „קערט אומ מיר מײַנ גליק,
ווער האָט אײַך צעזייט און צעשפרייט,
באגעגענע כ׳מוז דאָך מײַנ ליבן צוריק
אזא ווי איך האָב אימ באגלייט.״

און אָט וועקן זיך, שטרעקן זיך אויס זאלבעצווייט
צומ מילנער, ווי שוועסטער, די הענט,
פונקט ווי זיי וואָלטן איך טויטערהייט
זייער געליבטן דערקענט.

און זיי טײַנען: „דער וועג צווישן מילשטיינ איז שמאָל,
אזוי שמאָל, אז דער קרעכץ ווערט פארקלעמט,
נאָר דעמ גלעט, וואָס מיר האָבן געטאָן דיר אמאָל,
האָט צעמאָלן דער שטיינ ניט געקענט.

מיר וואָלטן דיך דריקן, נאָר ס׳פעלט אונדז דערופ
איר לײַב, ווײַל מיר זײַנען דאָך בלויז
אָן יענעמ צעלויכטענעמ מיידלשן גופ
נאָר שטענגעלעך שוינ אָן דער רויז.״

נאָר אים דאכט, אז זיי זײַנען די צוואנג אינעם פלאם,
וואָס קלעמט אים דאָס הארץ און דערשטיקט,
אפ זיי, אָט די הענט, איז זיך דורכגעגאנגען
מיט אלע ווונדן דער קריג.

ער גרוילט ניט, ווײַל הילצערנער ווערט אים דאָס לײַב,
ער פאלט ווי א קוליע אפ זיי,
— נו, הענט, שפּארט זיך אָן, ער וועט טראָגן זײַן ווײַב,
ווי ניט איבערגעטראָגענעם וויי.

און ס'דוכט זיך, מיט שלוכצן צעוויגט ער דעם שטיין:
— ווי האָסטו גאָר רוען געקענט,
באדארפט האָט דיך דרייען דער שאָטן אליין
פון אָט די פארקלעמטע צוויי הענט.

און גלײַך בא די רייד האָט דער שטיין זיך צעדרייט
(צי עס שווינדלט אין אויגן אים גאָר?),
און זיי גייען און דרייען זיך ווילד זאלבעצווייט,
אים דוכט זיך, שוין טויזנטער יאָר.

און אָט גיבן די הענט א פארשיט, א פארוואָרף
אים מיט קערנער, וואָס שנײַדן זיך אײַן,
ווי ס'וואָלט בייסן שניט אין די קערנער די שארף
פון קאָסעס אפ שטענדיק ארײַן.

— זאָגט, וווּ האָט איר, הענט, אָט די קערנער געזייט,
געשארפט זיי אזוי ווי א שווערד.
— געשארפט זיי, געשלײַפט אין פארשטיינערטער לייד
פון אונדזער לײַבלעכער ערד.

— אַ טײַערע הענט, מיר ניט צאָלט מיט קײן בײז,
דאָס ברויט איז דאָך מענטשלעך און גוט,
עס דארף דאָך ניט מערער ווי טראָפּנדלעך שווײס
און מאָנט ניט קײן יאמען מיט בלוט.

צי זעט איר אין בלוט ביזן האלדז מיך דאָ שטײן,
מײַן לײַב ווערט צו טיל און צו טעל,
צי מוז טאקע רויט זײַן מײַן מילנערשער שטײן,
אז גאָלדיק זאָל ווערן דאָס מעל?

דאָ טראָגן די הענט אים צום ווײַב אזוי גיך
און דריקן צו איר אים מיט מאכט,
ווי מאָליע אלײן וואָלט צוריק שוין צו זיך
אים אפּ הענט אפּ געטרײַע געבראכט,

און זײ טוליען זיך צו, ווי א וווּנד צו א וווּנד,
וואָס ווערן אין ליבע געהײלט,
און וואקסן צונויף זיך און שאפן א בונד,
אפּ קײנמאָל ניט ווערן צעטײלט;

און דרײען געארעמט אינצווײען זיך אום
אפן מילשטײן, וואָס פינקלט און העלט,
ווי גלײַך אונטער זײ וואָלט געדרײט זיך די זון
מיט דער גאנצער צעווײטעקטער וועלט.

און ער ווײַזט איר: „מײַן גוטע, דער מילשטײן איז רויט,
ווער מאָלט עס אפּ אים אונדזער שײַן?
און צי מוזן שוין טאקע די קערנדלעך ברויט
אין מעסער געראָטן זײַן?"

זי ענטפערט אים נאָר מיט א טרער. אפּן בליק,
און דאָ האָט ער פּלוצעם דערזען,
ווי ס׳גיט אפּן שטיין קעגן זיי זיך א וויג
א שווארצער דזשענטלמען.

זײַן אָנצוג איז ברוין, און זײַן שארבן איז שווארץ,
און נאָר די מאנישקע איז ווײַס,
ווי צווישן זײַן האלדז און צווישן זײַן הארץ
וואָלט ליגן אן אָזערע אײַז.

נאָר ס׳איז אזוי שמעקנדיק ווייך זײַן געזיכט,
ווי גלײַך א מין טאָרבעלע היי,
וואָס קען דערוועגן, דערשטיקן אין זיך
א וועלט מיט וויי-געשריי.

אוי, ס׳איז זײַן פּענעמל מוירעדיק-ווייך,
אז מע הערט אזש אין מיל ניט קיין קלאנג,
און ס׳וואקסט אפּ זײַן אייבערשטער ליפּ, וואָס איז בלייך,
אפּן אָרט פון די וואָנצן — א זאנג.

אין די הענט נאָר א גאָלדן שטעקעלע בלענדט,
אָט שטרעקט ער עס קאלט אזוי אויס,
ווי א פינגער אזא, וואָס פארכאפּט און פארקלעמט
און ציט די נעשאָמע ארויס.

און אָט זעט שוין דער מילנער, דאָס שטעקעלע פאלט
צווישן מאליען און אים, ווי א שווערד,
און ס׳גיט זיך אפּ צווייען דער שטיין א צעשפּאלט
און באנאנד מיטן שטיין אויך די ערד.

און עס דרייט אַפּ אַ העלפּט זיך מיט מאַליען דער סער,
און ער — אַפּ דער צווייטער, אין גרויל,
און אינמיטן — אַן אָפּגרונט זיך שפּרייט אַזוי לער,
ווי אַ זשעדנע אָנצייענערדיק מויל.

און דאָס גאָלדענע שטעקעלע טרייבט זי צום שלונג,
אָט פּאַלט זי, זיין ליבסטע, אַראָפּ,
און וויל ער נאָר געבן צו מאַליען אַ שפּרונג,
פּאַרשיט אים דער סער מיט אַ סנאָפּ.

און מאַכנעסווייז פליען די קערנער אַפּ אים,
און אַלע געשמידט ווי פון שטאָל,
און רייסן און בייסן און זשומזשען אָן זין:
— צעמאָל צווישן אונדז זיך, צעמאָל.

— אָ, שוואַרצער, וואָס שמידסטו צום שטיין מיין געביין,
וואָס פּיקסטו מיט קערנער מיין הויט,
איך בין דאָך געקומען אַפּ מילנערשן שטיין
צו מאָלן דאָס פרידלעכע ברויט.

— דו זאָגסט, אַז ס׳איז ליב דיר דאָס פרידלעכע ברויט,
ווי נאַריש איז, מילנער, דיין שטעל,
זיי ווייסן, אַז נאָר ווען דיין מילשטיין איז רויט,
דאַן שיינט מיר געשמאַקער דאָס מעל.

איך האָב דיך דערוויילט, ווייל דיין בלוט איז מיר ווייַן,
דיין שייוועט ער איז אַ מין קרוג,
וואָס דער בראָך איז זיין גליק און די פולקייט — זיין פּיין,
און צי איז דען ניט שיין און גענוג

צו זײַן נאָר די שטראַל, וואָס ברענט אָפּ פאַר איר זון,
דער בלאַט, וואָס שטאַרבט אָפּ פאַר זײַן שטאַם,
די וועל, וועלכע קלאַפּט זיך אין פעלדז, וואָס איז שטום,
ס'זאָל פרײלעכער רוישן דער יאַם?

— אָ, דו ביסט די שלאַנג אין אַ סאַמעט, וואָס גלעט,
דו קענסט צאַפּן פון ליליעס שמאַלץ,
פון דײַן וואָרט, וואָס איז ווייך, ווערט מײַן קאָפּ מיר צעפּלעט
און עס גיסט זיך מיר בלוט פונעם האַלדז.

דו העפלעכער טויט! דו דערוואַרגסט אין דער שטיל
מיט לײַקענע הענטשקעס, קאַט!
— סע רעדט מיט דיר, מילנער, דער מײלעך פון מיל,
און קניִע פאַר מיר, דו סאָלדאַט!

— דו מײלעך, דו האָסט דײַנע מאַכנעס געטײט,
און איך האָב פאַר זײ ניט געקניט,
דו האָסט מיך, ווי טווּע אין פעלד, ניט געזײט,
זאָלסט קומען צו מיר, ווי צום שניט.

דאָ טוט אים זײַן מאַליע די אָרעמס אַ שטרעק,
נאָר יענער שוין טראָגט זיך פאָרויס,
ווי ער וואָלט זייער ליבשאַפט פאַרלאָפן דעם וועג,
און אָט כאַפּט ער די הענט אירע אויס,

און אָט קושט ער זי בייז, אַזוי ווילד און געשמאַק,
און פון אונטער זײַן קוש, וואָס פאַרלענדט,
פאַלן ווי צווײַגן פון אונטער דער האַק
פלוצעמ אַראָפּ אירע הענט.

און מאַליע פֿאַרשווינדט אָן אַ קאָל, אַזוי בלייך,
ניט צו הערן איז מאַליעס געשריי,
און באַם מײַלעכ פֿון מיל איז דאָס פּענעמל ווייך,
און שמעקט ווי אַ טאָרבעלע היי.

און זײַן שטעקעלע שלאָגט מאַליעס טײַערע הענט:
— איצט גיב איך צום מילנער אײַך אָפּ,
דעם מילנער — די הענט און דעם ווייטעק, וואָס ברענט,
און מיר נאָר דאָס האַרץ און דעם קאָפּ.

און עס שמייכלט דער סער, נעמט פֿאַר טײַנעג צעגיין,
און עס גייט פֿונעם מויל זיך אַ ווײַז
באַם מײַלעכ פֿון מיל אַפֿן אָרט פֿון די ציין
פֿלינקע טשערעדעס מײַז:

— מיר הריזשען די וואָרצלען פֿון אונטער דער בלום,
דעם מאַרכ באַ אַ קינד באַ אַ צאַרטש,
די גאָלדענע שטראַלן פֿון אונטער דער זון,
די אָדערן אונטער דעם האַרץ.

דאָ גייט ווי אַ פֿײַל זיך דער מילנער אַ וואָרף,
ווי געוועזן וואָלט דער בויגן זײַן ווײַ,
און מיט זײַן צעפֿײַניקטן לײַב, וואָס איז שאַרף,
צעשנײַדט ער דעם שוואַרצן אַפּ צוויי.

דאַן קומען צונויף זיך די טיילן פֿון שטיין —
אַ העלפֿט צו אַ העלפֿט גיט אַ לויף.
— איצט מוז דאָך זײַן ליבסטע שוין קומען צו גיין,
אויב ס׳קומען זיך שטיינער צונויף.

און א הילך און א טאנץ, און דער מילשטיין איז גאנץ,
און „עליקל!" הערט זיך א רוף,
און עס בינדן זיך הענט ארום אים, ווי א קראנץ,
וואָס היילט זײַן צעבראָכענעם גוף.

דאָס האלט אים די מאמע, דערמונטערט אים, קושט.
— ווי בלײַבט מען עס איימיק אליין?
— און מאליע? — ער שעפּטשעט נאָך אלץ ווי פארכושט, —
זי דארף דען ניט קומען צו גיין?

— מײַן קינד, זי וועט קומען, דײַן מאליע, ווי דען?
נאָר צו זיך דאָך קומען דו מוזט,
דײַן שטיין אפּן הארצ קען א מאמע נאָר זען,
דעם שטיין, וואָס ער דריקט אפּ דײַן ברוסט.

אוי, ער בייגט צו דער ערד נאָר, דער שטיין, און צעקלעמט,
ניט אפּ אים ווערט א לעבן געבויט,
נאָר זעסט, ווי זיי ווײַזן, זיי ריידן, די הענט:
ס'איז מאליע, דײַן מאליע ניט טויט.

איז קום זשע, מײַן קינד, דער פרימאָרגן — ער שטארקט,
די זונען-שײַן היילן זי קען...
און זײַן אלטיטשקע פירט אים צום שפּיצ פונעם בארג,
ווי פון דאָרט וואָלט מען מאליען געזען.

און עס עפנט די טירן פאר זיי דער ארום,
און זיי שפּאנען אין הייך זאלבעדריט:
פון איין זײַט די מאמע, פון צווייטער — די זון,
און ער — אין שינעל — אין דער מיט.

קאפיטל 4

— ניט אפּ בערג, — אפּ דײַנע אייגנע געבײנער הײבסט זיך אוף,
האָסט, מאמע, קיין אָטעם נישט מײן.
— אויך אלטיטשקע שטײַגן, מײַן זון, באַרג-אַרופ,
ווען זײ ווילן צו קינדער דערגײן.

די אויצרעס אינעם בערג זוכט מען טיף, ווי אין ים,
ווערסט זײ אַנדערש נישט טאָן קיין דערגרייך,
נאָר, מײַן קינד, ס'איז אַ זעלטענער אויצער פאַראַן,
וואָס מע זוכט אים נאָר אָפּ אין דער הייך.

דעם מילנער זי פירט צו אַ הליבע, וואָס שײַנט
אַזוי לײַביק און נאַקעט און העל,
ווי זי וואָלט אַ מיט אַקסל — פאַר אירן אַ פרײַנט
מיט צערטלעכקײַט אונטערגעשטעלט.

זי פירט אים, די אַלטע, פון אויבן עס שטראַלט,
און זײַן האַרץ, און זײַן וווּנד ווערט געהײלט;
צו אַ האָרן פון וואַלד האָט פון ווײַט אים געשאַלט
און וועגן זײַן ליבער דערציילט:

— איר אויג ברענט אפ קוילן אפ הייסע פון פײַן,
ווי א פײַער צום בארג-שפיץ זי קריכט,
און עס וואַרעמט, דוכט, אָן די לעוואָנע איר שײַן
בא מאַליעס צעפלאַמטן געזיכט.

זי לויפט ניט פון געטאָ צום בארג אין איר קלייד,
וואָס איז בלוי, ווי פון הימלען געשטיקט,
דאָס האָט זי דער וואַלד ווי פארשלייערטערהייט
בעסאָד אין א שליכעס געשיקט.

זי קוקט פונעם בארג-שפיץ אראָפּ צו דעם טאָל,
און גרויס איז איר בענקשאַפט, איר לעכץ,
נאָר עס רוישט דאָרט די מיל שוין ניט מער ווי אמאָל,
זי וויגט זיך און שטיקט זיך און קרעכצט.

ווײַזט אויס, ניט קיין קאָרן, נאָר מענטשן-געביין
דאָרט מאָלן די דײַטשישע שלעק,
און דאָס „מעל" גיט אליין זיך אין זעק א צעוויין,
אַז ס׳כאַפּט אָן די געגנט א שרעק.

און עס קוקט פון דער הליבע „די גרינע קארעל"
(ווי מע רופט זי אין וואַלד בא די פרײַנט),
ברענט דאָס הארץ „דער קארעל", ווערט ווי פריסעק דאָס מעל,
ווערט ווי פולווער דאָס מעל פאַר דעם פײַנט.

ס׳איז איר האַנט, ווי באַצירט מיט סיגנאַלן פון ליכט,
טוט א פּאַך, ווי א צווײַגל צעגרינט,
און אָט לויפט שוין דער „וואַלד" פונעם בארג אומגעריכט,
און דאָס ברויט פון דער מיל ווי אַנטרינט.

נאָר איינמאָל עס נעמענ אינ קלעמ מיט געוווי
די דײַטשנ דעמ בארג אומדערוואַרט,
ווי ס׳וואָלטנ געשפּענסטער די ליכטיקע פרוי
אָפּ א ווילדנ מיזבייעך געבראַכט.

פונ אויבנ גראַנאַטעס, ווי שטערנ, זי שיט,
פונ אונטנ עס הוילט אונ עס קנוילט,
אונ אַרומ אָט דער הליבע עס פלאַקערט אונ גליט,
ווי די נאַכט איז פארציטערט אונ גרוילט.

אונ מע שרײַט אזוי גרעל: „פּאַרטיזאַנישע פּעל,
ביסט פארווונדעט, איז נידער אראָפּ!"
נאָר פלוצעמ גיט אָפּ דער מאַיאָר א באפעל:
„ניט טשעפּענ קיינ האָר אפ איר קאָפּ!"

זי טוט ווי דער בארג זיך פונ אָרט ניט קיינ ריר,
עס שטראָמט נאָר איר קלייד אזוי בלאָוו,
ווי אָנהייבנ וואָלט זיך דער הימל פונ איר,
אז ס׳זאָל קיינער ניט זענ שוינ איר סאָף.

איר שיינקײַט האָט ער, דער מאַיאָר, ניט געזענ,
נאָר געזענ, ווי איר האַנט האָט גערוט
מיט קארעלנ, וואָס זײַנענ געסילעט געוועג
שוינ איצט אפ אנ אָדערל בלוט.

ער האָט מיט איר היפּט זיך פונוויַטנ געקוויקט,
וואָס האָט ווי א פרוכט זיך געשיילט,
פאר טײַנעג אימ האָט זיך דער קאָפּ שוינ געוויגט,
ער האָט שוינ די רעגעס געציילט.

נאָר טורעמלעך אירע פון בּרוסטן פון צוויי —
זיי ריידן דורך בּלוט פון דער ווונד,
אז ס׳שפּילט ווי א שטורעם איר הארץ אונטער זיי,
און בּארירט ער עס, גייט ער צו גרונט.

ער קלערט, אז גענומען וואָלט ער זי מיט קוי׳ך,
ווען דער פעלדז האָט א טרעפּ און א טיר,
נאָר, נישקאָשע, די פּרוי איז ארופ אזוי הויך,
אז דער טהאָם זאָל זיין טיפער פאר איר.

דאָך שרעקט אים, זי זאָל זיך קיין מיסע ניט טאָן,
פון פעלדז צו דעם טויט איז א שריט,
עס ווארעמט אפילע דאָס אויג אים ניט אָן
א שטערן, וואָס האָט זיך צעשיט.

דאן גיט ער איין פּוס אפ ארופ-צו א שטעל
און זאָגט: — אָ, דו געטלעכעס ווייב,
כ׳בּין גרייט צו פארקויפן דעם טייוול מיין זעל,
אבּי ס׳זאָל מיר לויכטן דיין לייב.״

ער גאנוועט זיך העכער און זאָגט צו איר ווייך:
— אויב איך בּין געזונקען אין בּרוד,
איז הייב זשע מיך, זעליקע, אופ צו דיין הייך,
בּאטריפ מיט דיין הימל מיין בּלוט.

ער שפּאנט, ווי א קאַץ וואָלט זיך שלייכן אפ פלוש,
אים שרעקט: אָט צעקלאפּט זי זיך באלד,
און ער רעדט, ווי פון היץ: נאָר איין קוש, נאָר איין קוש,
וואָס ניט זיין זאָל פאר דיר איבערגוואלד.

— אָ, שעד, ס'איז מײַן ליפּ ניט קיין אָפֿענע רויז,
ווי עס קענ זיך אויך זעצנ א שפּינ,
ווענ דער שפּינ טוישט זײַנ גיפט אפנ האָניק דאָרט אויס,
וואָס זשע בלײַבט פאר איר טײַערער בינ?

ווילסט טייטנ מײַנ ליבנ בא מיר אפ דער ליפּ,
ווילסט זענ אפ מײַנ פּאָנעמ זײַנ סאָפּ,
ווענ דו רײַסט פונ מײַנ לײַב מיר א ריפּ נאָך א ריפּ,
וואָלט גרינגער געווענ מיר דײַנ שטראָף.

ער שטרעקט אויס די פינגער ווי צו א שטאכעט,
ווי גלײַך אפ צו כאפּנ אנ אָפּ,
אונ מורמלט: איך וויל, זאָלסט מיר טאָנ נאָר איינ גלעט,
קענ לײַכטער דענ זײַנ נאָך א שטראָף.

דאנ גיט זי א פאל... אונ אפּ אימ... אונ א גלעט...
אונ א דריק אונ א שטויס אזוי שטארק,
אז עס ווערט ווי א טעפּל זײַנ שארבנ צעפּלעט
אונ ס'דרעשט זײַנע ביינער דער בארג...

דאנ פארווארפנ די דײַטשנ א שטריק, ווי אפ יאגד,
ווי א שלאנג איז ארופּ אפנ שפּיצ,
אונ די ליכטיקע אָדלערנ דאָרטנ געפּאקט
אונ געפאלנ מיט איר, ווי א בליצ.

אונ וואָס ווײַטער געשענ איז, מײַנ קינד, האָבנ שטיל
אירע הענט דיר אליינ שוינ דערציילט,
נאָר ארויס מיטנ לעבנ איז זי פונ דער מיל,
אונ דער וואלד איז א רויפע, ער היילט.

באפרײַט האָבן זי פּאַרטיזאַנישע פֿרײַנט,
זאָל זײַן זייער פֿרײַנטשאַפֿט געבענטשט,
נאָר פֿון דעמלט איז מאַליע פֿאַרשוווּנדן ביז הײַנט,
און איך בין געבליבן האַלב-מענטש.

געדאַכט האָט זיך אים, פֿון דער הליבע צום טאָל
איז מאַליע ניט לאַנג ערשט אַראָפּ,
אים רופֿט מיט די הענט, מיט איר אויסגעבענקט קאָל
און שאָקלט צו אים מיטן קאָפּ.

אין זײַן אויג, וואָס האָט שטענדיק דרײַ פֿאַרבן געהאַט —
שוואַרצאַפּלען, ווי שפּרענקעלעך טוי,
און אַפּלען צעצויגענע, גרין ווי אַ בלאַט,
אַף ווײַסלען, וואָס מינען זיך בלוי, —

אין זײַן אויג האָט עס מאַליע געטאָן זיך אַ שטעל,
ווי געשײַנט דאָרט פֿון אונטער דער הויט
מיט איר גינגאָלדן לײַב, מיט איר גרינער קאַרעל,
מיטן קלייד, וואָס אַף איר האָט געבלויט.

און ער האָט מיט איר קראַפֿט צו דער מיל זיך געקערט,
דאָס מעל האָט שוין מער ניט געגרויט,
ווײַל פּונקט ווי עס דרייט אַרום זון זיך די ערד,
זיך דרייט אַרום ליבע דאָס ברויט.

קאפּיטל 5

פון וואָס שטעלט צוריק זיך א מיל אפּ די פּיס,
צי דען נאָר פון קאַלך און פון ליים?
באַטאַמטער פאַר איר ווערט דאָס לעבן געוויס
דאָך נאָר אין איר אייביקן גיין;

פונוואַנען עס הייבט אָן צו לעבן א מיל,
דאָס קען נאָר דער מילנער פאַרשטיין,
צום ערשטן ער רײַסט ווי פון האַרץ א געפיל —
פון מיל דעם פאַרבלוטיקטן שטיין,

ער קוקט אים, דאַכט זיך, פון האַרצן שוין לאַנג
און גיט אים צום טײַך אזא יאָג,
ווי גלײַך א מין רויטלעכן זונען-פאַרגאַנג
פון שוין א פאַרפלויגענעם טאָג.

און א פאַל גיט דער שטיין, און צי ווײַל ער איז שווער,
צי דער ווײ איז אפּ אים אזוי גרויס,
נאָר דער טײַך שיסט אַרויס ביז צום הימל א טרער
און טראָגט זיך נאָך שנעלער פאָרויס.

און דער מילנער באַגלייט אים, דעם שטיין, מיטן בליק,
ווי אַן אייגן שטיק לײַב, וואָס זיך טרינקט
און קען נאָך אַרופשווימען פּלוצעם צוריק
און שרײַען: דו זעסט, ווי איך זינק.

קעדיי אַפּ די פּיס זאָל זיך שטעלן אַ מיל
און איר לעבן זאָל רוישן און גיין,
איז רײַסט מען אַרויס ווי פון האַרץ דאָס געפיל,
דעם אַלטן צעבראָכענעם שטיין.

קאפיטל 6

— מע זאָגט, אז א הליבע ניט ברענגט קיין געבורט,
נאָר ער האָט געפילט שוין, געוווסט,
אז עס ליגט, ווי א נאָך ניט געבוירענע פרוכט,
זיין מילשטיין בא איר אין דער ברוסט.

ער האָט צו דער הליבע געבראכט דינאמיט,
זיין אויג האָט געפינקלט צעהיצט,
ער האָט ווי ארייַנגעזועצט טיף אין איר מיט
א הימל, וואָס דונערט און בליצט.

און ווי א געווינערן אונטער זיין האנט,
געקרעכצט האָט זי שווער אין דער נאכט,
צי האָט זיך גאָר עפשער די הליבע דערמאָנט
א מין פארטיזאנישע שלאכט,

ווען מאליע פלעגט יונג זיך א טראָג טאָן פון איר,
און ארום האָט געשאלט און געקנאלט?
אָ, ניין, זיך געטאָן האָט דער שטיין איצט א ריר
און אראָפּ אין א בארגיקן שפאלט.

דעם דונער דעם ערשטן מע לויבט ניט אומזיסט,
ער עפֿנט דאָך אויף מיט זײַן הילך
דעם הימל אײַנגאַנצן, אַזוי ווי אַ ברוסט,
וואָס רעגנט מיט האָניק און מילך.

אויך ער האָט זײַן דונער דעם ערשטן געטון,
געעפֿנט דאָס האַרץ מיט אַ ברי,
און זײַן לײַב, ווי אַ רעגנדל אונטער דער זון,
האָט געגאָסן, געפּלאָסן מיט מי.

און עס זינגט און עס קלינגט ווי אַ קאָל פֿונעם טאָל,
שפּילט אַזוי אין אַ הייל דען אַ צווערג[1]?
דאָס באַשאַפֿט איצט דער מענטש מיט זײַן אײַזן און שטאָל
אַ מילשטיין אַ נײַעם אין בערג.

ס'האָבן פֿונקען געשפּריצט אַזוי בונט אין אַ שפּיל,
ס'האָט דער שטיין שוין געשיילט זיך האַלב-רונד,
ווי עס וואָלט זיך דאָס נײַע געזיכט פֿון דער מיל
באַוויזן פֿון שטייענעם גרונט.

ס'האָט זײַן האַמער געקלאַפּט, און געווען איז דער קלונג
פֿאַר אים ווי דער רויש פֿון דער וועל,
און פֿון יעטווידער פֿונק, וואָס פֿון שטיין גיט אַ שפּרונג,
האָבן קערנער געטאָן אים אַ העל.

און דער שטיין האָט פֿאַר אים ווי אַ טיש זיך געשפּרייט,
וואָס חלומט פֿון זעט און פֿון גנאָד,

1 אַ באַרג־שרעטעלע.

און געדאכט האָט זיך אים, אז מיט קינדער זיך דרייט
דאָ מאליע ארום אין א ראָד,

און נייגט זיך און בייגט זיך צו אים מיט איר כיין,
ווי זי וואָלט אים „א דאנק" איינגערוימט,
אָ, ס'האָט נאָך, ווי ער, צווישן אייזן און שטיין
קיין מענטש אזוי צארט ניט געטרוימט:

ווען דו זעסט, ווי א גריכישע געטין פון שטיין
די מארמאָרנע טויטקייט ברעכט אוף
און שטרעקט אָן די הענט אזוי צאפּלענדיק-שיין
איר לייבלעכן ווייבלעכן גוף,

דאן וואונדערט דיך ניט, וואָס דער שטיין איז ניט שטום,
נאָר דאָס, וואָס דורך טויזנטער יאָר
אינגאנצן אָן הענט נעמט זי אלץ דיך ארום
און ס'פעלט ניט איר שיינקייט קיין האָר.

ניין, מאליע קומט ניט פון קיין מארמאָר-געשטאלט,
נאָר פון אונטער דעם מילשטיין ארויס,
און אויך אָן די הענט האָט איר פּאָנעם געשטראלט,
זיך געבויגן, געצויגן פאָרויס.

געווען אירע צעפּ זיינע צווייגיק פארדרייט,
ווי דער קאָפּ וואָלט אליין מיט א קראנץ
באצירט זי, דעם מענטשן, וואָס קען אויך דורך לייד
פארבלייבן אלמעכטיק און גאנץ.

איר שטערן דעם רונדן עס האָט אַזוי קלאָר
אַ קווערשניט אַפּ צווייען צעטיילט,
ווי ס'וואָלטן זיך מאַטעווע עפּל אַ פּאָר
מיט ליכט אַפּ איר פּאָנעם געשיילט.

זי האָט מיט איר מויל ווי צעעפּנט די צייט,
געבלעטערט פאַר אים איר געביינג,
איר בליק האָט פאַר אים איצט געבלענדט פון דער ווייט
ווי גלייך די געשיכטע אליינ.

און ער האָט אַן אָטעם געטאָן אַזוי הויך,
ווי אַ הימל פאַרשלינגען געוואָלט,
און ס'איז אַפּ זיין פּאָנעם מיט עפּעס אַ קוי'ך
נאָר מאַליע געווען אויסגעמאָלט,

און ווי ס'וואָלט געווען אַ ראַם זיין געזיכט,
וווהין עס איז מאַליע אַריין,
אַז ס'זאָל קוקן אַפּביידן די וועלט, ווי אַפּ ליכט,
און זאָל ריינער, געלייטערטער זיין.

אָט אַזאַ איז זיין טרוים, און אַזאַ איז זיין שטים:
ער שלייפט אים, זיין מילשטיין, און גלעט,
ווי ס'וואָלט אַ לעוואָנע געלעגן פאַר אים,
און ער וואָלט געבענקט און גערעדט,

און גערופן זיין ליבסטע, געזונגען איר שטיל,
געצויגן צו זיך און פאַרטרויט:
אַז אָן איר קען זיין לעבן, זיין האַרץ און זיין מיל
ביזן סאָף דאָך ניט ווערן דערבויט.

קאפיטל ז

— נו גיי ניט, מײַן קינד, ס׳איז נאָך נאַכט, ס׳איז נאָך קיל,
און די מיל קענ דערוועקנ דײַנ וווּנד.
— מאַמע, פאַראַנ אַזאַ שטויב אינ דער מיל,
וואָס מאַכט אונדזער אָטעמ געזונט.

איז ווײַז מיר דאָס טײַערע בלוילעכע קלייד,
וואָס איז פונ איר יוגנט געוועבט,
די צײַט האָט פאַר איר דאָך אליינ עס געניייט,
מיט דעמ האָט איר לײַב ווי געשוועבט.

— ווילסט וועקנ אינ זיך די יעסורימ, מײַנ קינד,
עס ברענט מײַנע פינגער, עס ברענט.
— מיר דוכט, אַז אָט וועל איך עס נעמענ אַצינד,
דערפילנ כ׳וועל באַלד אירע הענט.

— מײַנ קינד, דו געפינסט זיך אינ ערגעצ קיינ רו,
אָנ איר איז דײַנ נאַכט אָנ אַ ברעג,
זי שמידט ווי מיט קייטנ צומ מילשטיינ דיך צו
און נעמט פונ מײַנ אויג דיך אַוועק.

— ווען א קינד גיט א שלײַדער א שטיין אין דעם בוים,
וואַרפֿט דער בוים אים אן עפּל צוריק,
און ליידיקער ווערט דען די צווײַג און די קרוין,
אויב פֿולער באם קינד איז דאָס גליק?..

צי גייט מען אין מיל אַרײַן זוכן די פּײַן,
און זוכט דען א מענטש אזא אָרט,
אָ, מאמע, דאָרט מוזן די הענט אירע זײַן,
ווײַל מײַן ליבע, מײַן ליבע איז דאָרט...

* * *

פֿאַראַן אין א מיל א מין ווארעמע זעל,
אזא היימלעכע שײַן אין איר ליכט,
ווי ס'וואָלטן די קערנער מיט רויכעלעך מעל
דעם זומער פֿון זיך אויסגעהויכט.

ס'האָט געלייגט זיך דאָס מעל אָט ווי בערגעלעך גאָלד,
אָט ווי קישעלעך ווייך זיך געבעט,
און מאַר אים האָט אין דעם א מין לײַב זיך געמאָלט,
כאָטש נעם עס ארום מיט א גלעט.

און ס'האָט זיך דעם מילנער געדאכט, אז ער הערט
פֿון אונטער דעם מילראָד א שטים,
ווי עס וואָלט א רוסאלקע זיך דאָרטן געקערט,
וואָס די כוואַליעס פֿארטראָגן צו אים,

און אָט גיט זיך דער נעפּל פֿון מעל א צעשפּאלט,
און אזוי ווי א סימען אַם טאָג

אין בלוילעכן קלייד גיט אפגיכ איר געשטאלט
פארציטערט צו אים זיך א טראָג.

— מײַן גוטע, ווער האָט פון דײַן רו דיך געוועקט?
— אין רו ווערט די ליבע דען זאט?
אָט טראָגט זיך די נאכט שוין אַפּ שטערן אוועק,
קום, ליבער, ארויס, דו ביסט מאט.

געווען איז אין הארבסט יענע ענדע פון נאכט,
ווען מע פילט, אז דער טאָג קומט געשענקט,
ווי פאר זיך וואָלט דער זומער די נאכט אויסגעטראכט
אין סאָף פון זײַן וועג, ווען ער בענקט.

די רויטלעכע בלעטער אין זילבערנער שײַן
געבערענט האָבן רונד. ס'האָט געדוכט,
אז עס גיסט זיך פון זיי אין דעם טאָל א מין ווײַן,
ווי פון איבערגעצײַטיקטער פרוכט.

געווען זײַנען בערג אזוי קאלכיק און ווייך,
ווי דער טרוים פון דער מיל וועגן מעל,
ס'האָט א שטערן צעשאָטן זיך גרינ אין דער הייך
אַם דער הליבע, ווי מאליעס קארעל.

און צערודערט האָט מאליע געטאָן זיך א וויג,
און עליקן האָט זיך געדאכט,
אז ווידער זי לויפט, ווי אין יאָרן פון קריג,
אראָפּ פון דער הליבע באנאכט.

— דו ציטערסט, מײַן גוטע, ס׳איז ווינטלדיק־קיל.
— דער ווינט גייט בא מיר פונעם גוף.
— נו, גיב זיך מיט מיר אין שינעל א פארהיל.
— קום, ליבער, עס ציט מיך ארוף.

די בערג זײַנען הויך, און זײַן אָטעם איז ברייט,
און עס שמעקט פון שינעל מיט דער ערד,
וואָס האָט אונטער אים אירע וועגן געשפּרייט,
אים מיט אלע געווירצן דערנערט.

אים דאכט זיך, זי האָט ווי אמאָל אים פארקלעמט,
מיט אלץ, וואָס איז דאָ אין איר צארטס,
ארומנעמענדיק האָט אים איצט מאליע געקענט
ניט אנדערש, ווי נאָר מיטן הארץ.

און זי דריקט אים אזוי, אז סע גיט דער שינעל
זיך פון זייערע אקסלען א ריס
און שוועבט אף דער הליבע אראָפּ אזוי שנעל,
ווי אן אָדלער צו זייערע פיס.

און ארויס אפן בארג צווישן זיי איז די זון
און צעוויקלט דעם טאָג, ווי א רויז,
ס׳האָט געדאכט, אז זי קײַקלט זיך מילד צום ארום
ווי פון זייערע ליפּן ארויס...

1947

דעם סעדערס טאָכטער

דריי אויסצוגן פון א פּאָעמע

1. דאָס מיידל פֿון פּאָדאָליע

א. שוין איינמאָל אינע

פֿאַראַן עפּעס א מין באַזונדער חן
אין דער האַלב-פֿריילעכער און האַלב-פֿאַרקלערטער מינע
בא מיידלעך ייִדישע אַף אוקראַיִנע.
שיין זײַנען מיידלעך ייִדישע, ווי שיין,
אַף אוקראַיִנע,
נאָר אינע...

ווײַזט אויס,
נאָך איידער איר געבוירן,
נאָך ביז איר ערשטן מענטשלעכן געשריי,
האָבן ווי אייפּערדיקע מאַמעס צוויי
די זון און ערד זיך איבער איר געקריגט,
נאָר איינע האָט די צווייטע ניט באַזיגט,
און דאַן
מע איז זיך ווי אַף דעם צונויפֿגעגאַן,
זי זאָל אין ביידע מאַמעס זײַן געראָטן;
און איינע האָט געגעבן אינען ליכט,
און איינע האָט געגעבן אינען שאָטן —

און פון דער כולער האנט, צו זאָט,
דערפאַר איז עפּשער איר געזיכט,
ווי פון ראַנעט אוקראַיִנישן געקנאָטן,
גאָלדיק-מאַט,
און אַלעס רעדט אַרויס פון אָט דער מינע,
פון דער האַלב-פריילעכער, האַלב-אומעטיקער מינע:
„אינע,
שוין איינמאָל אינע."

ניין, ניין!
צום ערשטן איז געבוירן נאָר איר האַרץ,
דערנאָך האָט עס פון זיך אַליין
מיט גוטן וווּנדער
געטאָקט, ווי נאָר דאָס קען א האַרץ,
איר יעדעס ביינדעלע באַזונדער,
און יעדערן פון זיי, ווי גלייך געשענקט
צוויי אויסגעשטרעקטע בענקענדיקע ליפּן,
און ווען די ביינדעלעך זיך האָבן שטאַרק פאַרבענקט,
גענומען זיך פאַרקניפּן,
זיך פאַרשפּינען,
און זיך אַף אייביק שוין צונויפגעשלאָסן,
האָט דאַן, ווי אייגן פאַרליבטער קוש זיך אויסגעגאָסן
אינע,
שוין איינמאָל אינע.

און אויסגעבאָדן האָבן זי
אַף הויכע בערג די קילנדיקע קוואַלן,
און אויסגעוויקלט האָבן זי,

ווי וויקלשנורנ ווארעמע, די שטראלנ.
אונ ווי דאָס קינד וואָלט טײַער זײַנ דער וועלט,
אונ מוירע וואָלט זי האָבנ עס פארלירנ,
האָט זי געפּרוווט מיט עפּעס עס באצירנ,
אונ אפ דעם פענעמל אליינ אוועקגעשטעלט
א פורפורנעמ, א כיינעוודיקנ פינטל,
באהויכט, ווי מיט א גאָלדיק-מאטנ רויכל:
„פלאָנטערט מיט קיינ צווייטער ניט, זײַט מויכל,
דאָס איז דאָכ אינע,
שוינ איינמאָל אינע."

אָט איז זי נאָכ א סאָסנעלע בא דר׳ערד,
זי ראמט, זי ברעכט די טעלערלעכ, זי קערט,
אונ פול מיט אָט דעם מיידעלע עס ווערט
ווו נאָר א מויזנ-לאָכ, א שאָטנ-ווינקל,
ווו נאָר א שטוב, ווו נאָר א גאס,
אונ אז עס ווערט דער טאטע גוט אינ קאס,
גיט ער א זאָג:
„נעכײַ וואָלט מענ געבוירנ דיכ א ייִנגל!"

פרילינג-צײַט,
ווענ יעדער בוימ איז, ווי א ציגעלע, ווײַס-קלאָר,
הייבט, דוכט, פונ אינענ אָנ זיכ דער קאיאָר.
עס זײַנענ נאָכ די שויבנ טונקל-בלאָוו,
נאָר אינע גאנוועט ווי אליינ ארויס זיכ פונ איר שלאָפ
אונ לויפט ארויס אינ הוילנ העמד בעסאָד,
אונ טראָגט ווי מיט איר לײַב ארײַנ,

נאָך ביז דער זונענשײַן,
די ערשטע װאַרעמקײַט אין שאָטנדיקן סאָד.

מיט פיאַטקעלעך מיט נאַקעטע און ראָזע
זי טופּקעט א גוט־מאָרגן אויס די גראָזן,
זי נעמט דעם טוי אַף שפּליטערלעך צעבראָכן,
און ס׳דאַכט, אַט װעט זי אירע פיאַטקעלעך פאַרשטעכן,
נאָר זי, זי הוידעט זיך און זינגט שוין אַף א בוים,
און ס׳ליגט זיך, װי אײן גרויסער אויער, צו צו איר דער רוים.

נאָר אײנע פילט נאָך ניט,
אַז זי איז װי א װאַקסנדיקע ליד,
װאָס הוידעט זיך, אַרומגעהילט מיט בלעטער,
און לערנט זיך פון זײער רויש די קלאָרע רײד,
צי עפּשער זינגט א סאָלאָװײ גאָר דאָ און קלעטערט
אין א מין קינדערישן העמדל אָנגעקלײדט,
אַז אין באַגין זאָל ער זײַן קאָל כאָלילע ניט פאַרקילן?
אָט שלײַכט זיך ליפּע, אינעס טאַטע, דאָ א שטילער
און זוכט זי אום
און קריכט װי פון דער הויט:
— גײ װײס,
װוּ איז זי דאָרט, מײַן מויד,
אַז יעדער קרוין האָט אויך פון צװײַט און זון
א העמדעלע א װײַס זיך אָנגעטון,
און ס׳קלינגט אַרויס פון גאַנצן רוים
א אײנע,
טאָ נעם און טרעף, אַף װעלכן בלײַענדיקן בוים
איז װעסטו פריִער אָט די שטיפערקע געפינען?

און ליפּע ערגערט זיך, און ליפּע איז פאַרטראָגן:
— זי גייט דאָך מער ניט ווי אין העמדעלע אין גרינגן,
נאָר פאַר איר גאָרגלען זיך, אוי, נאָר פאַר אָט דעם זינגען
האָב איך מיט איר צו זינגען און צו זאָגן.

און אינעם האַרץ האָט זיך ניט אופגעהערט צו וויגן
אונטער דער ליד, וואָס איז נאָך ריינער פון גינגאָלד.
אַז זי זאָל זינגען, האָט די ערד אליין געוואָלט.
ס'האָט זייער שטאַרק געוואָלט דער זינגענדער קאָמיוג,
אַז זי זאָל ווערן אין איר פולן אָטעם-צוג
אליין זײַן אויסגעשפּילטער יוגנטלעכער ניגן.

אָט רוישט זי דורך פאַר אײַך, ווי גלײַך א פעלד מיט זאַנגען,
און שיט, ווי קערנדלעך ווי צײַטיקע, די קלאַנגען,
און קיינער ווייסט דאָ ניט,
און קיינער זעט דאָ ניט,
פונוואַנען הייבן אָן זיך די געזאַנגען.

ווײַל ווען קען דאָ קומען אפּן זינען,
אַז יעדער ליד
הייבט אָן זיך פון די אויגן גאָר בא אינען?

אָ, אירע אויגן,
זיי האָבן זיך אליין פאַרשטעלט
מיט זייער פײַער מיט דעם שוואַרצן,
אַז אינע קוקן זאָל אַפּ אונדזער ווײַסער וועלט
נאָר מיט איר האַרצן.

צי איז דענ אינע ניט אָט יענע נײַע ליד,
וואָס האָט שוינ לאנג געבּריט אונדזער געמיט
אונ נאָר בּא איר אינ הארצ בּאקומענ לאָשנ,
איז ווָעלכער מידבּער-ווינט האָט אינ דער מיט
בּא איר אינ קאָל דאָס פּײַערל פארלאָשנ?

ב. אפ אונדזער פאָדאָליע

פונוואנען קומט אהערצו אָט דער מידבער-ווינט,
פונוואנען קומט אהער אזויפיל וויי און ווינד?
צי האָט דען אינען ניט געווארעמט אין זיין אָרעם
דער אוקראַינישער, דער נאכעסדיקער דאָרעם?

דאָרט איז אמאָל געשטאנען אויך מיין וויגל.
דו שטרעקסט מיר אלץ דיין מוטערלעכן פליגל,
אז פליען זאָל איך נאָר צו דיר, פאָדאָליע,
דיין יעדער טאָל א נעסט איז פאר מיין קאָפּ.
ס'איז קליין דיין ווינקעלע, נאָר גרויס דיין האָב-און-גאָב,
דאָרט שפאנט דער זומער ניט געכאפט אזוי, פאוואָליע,
פונקט ווי ער וואָלט מיט זיך אליין זיך קוויקן,
ער גייט, ניט איילנדיק, אריין אין טיפן הארבסט,
און שוין אין זיינע לעצטע אויגנבליקן
גיט ער א שפרונג אין הייכן אפ טאָפּאָליעס,
אז ער זאָל טיפער נאָך א פאל טאָן אונדז אין הארץ.
די ערד איז דאָרטן גייציק צו געבורט,
גיך שפילט זי אָפּ איר ערשטע ליבע מיט דער זון
און איילט מעכייע זיין מיט קאָל-האמינים פרוכט;
און אָט אזא דאָרט וואקסט און ווערט דער מענטש דערפון,
ווי יענע ערד איז ער צו פריער ליבע גרייט,
ווי יענער זומער שפעט זיין ליידנשאפט פארגייט.

דער דניעסטער כאַפּט אַרום דעם גאַנצן קאַנט,
ווי גלײַך אַ פּאַרובאָק זײַן שײנע מיט דער האַנט
און שפּילט, ווי אַ מין פֿרײלעכער אָרקעסטער,
נאָר ווער ס'איז אויסגעוואַקסן בײַ דעם דניעסטער,
האָט פֿעסט געהערט, ווי פֿון זײַן טיף אַמאָל
קלינגט אַזוי רירנדיק אַ שטיל, בענימעס קאָל,
פּונקט ווי די טײַכלעך, וואָס שטראָמען דורך די באַלקעס,
און גיסן זיך אַרײַן אין דניעסטער-טראַכט,
וואָלטן די שטילקײַט אויך פֿון ווערבעס אים געבראַכט,
וואָס שווײַגן, ווי פֿאַרליבטע ברעג-רוסאַלקעס,
קען זײַן, אַז זײער ליבע זאָגט אַרויס דער טײַך.
דער מענטש איז דאָרטן אויך צום דניעסטער גלײַך,
איז אויך אַ רוישיקער, אַ פֿרײלעכער, אַ פֿרײַער,
נאָר טיף אין האַרצן שטראָמט אַ שטיל און ערנסט פֿײַער.

דאָ ענדיקן קאַרפּאַטן זײער וועג,
מיט הײכענישן קומען זײ צום ברעג
פֿון דניעסטער-טײַך און שפּיגלען זיך און באָדן
און דרײען זיך אַרום אין קאַראַהאָדן;
דאָ טראָגן בערג דעם וואַלד, ווי אויף די קעפּ,
און שלאָגן זיך מיט ווינטן אינעם סטעפּ,
און ס'דאַכט זיך אויס, זײ שטײען, ווי אַ וואַנט,
אויף צו פֿאַרשטעלן מיט די פּלײצעס אָט דעם קאַנט,
אַז ס'זאָל קײן ווינטעלע קײן בײזס אויף אים ניט בלאָזן.
קען זײַן, דערפֿאַר דאָ קלעטערט אום די לאָזע
אי זאָרגלאָזיק אי יוגנטלעך צעוואַקסן
אויף אָט די באַרגיק-פּאָטערלעכע אַקסלען;
קען זײַן, דערפֿאַר דאָ זײַנען דערפֿעלעך און שטעט

מיט מערער וואַרעמקייט אין טאָלן אויסגעבעט.
ווי יענע בערג איז אויך דער מענטש אין אָט דעם קאַנט,
דאָ שטעלט זיך איינער פאַר דעם צווייטן, ווי א וואַנט.

און מילד איז דאָ דער פויער, ווי זײַן ערד,
וואָס שפּאַרט און האַלט דאָרט אונטער מיט די ברויטן
די ראַנדן פונעם הימל דעם צעבלויטן,
ווי איינער רעדט: „דו האַלט אַפ מיר זיך, הימל."
יאָ, גוט איז דאָ דעם פויער, ווי זײַן ערד,
זײַן וואָגן פאָרט א ביסעלע פאַרקלערט
ווי א שטיק פעלד אַרײַן אין שטאָטישן געווימל,
נאָר אָט איז דער קאָלווירטישער יאַריד:
דער פויער טרעפט א ווײַנגערטנער א ייִד,
און ס'נעמען זיך אַרום די פרײַנט די גרויסע,
מע ליידיקט אויס אין ווײַנקעלער א קויסע,
דאָ וואַקסט זײַן אַלטע פויערישע פרײַנטשאַפט
אַרום מיט נײַער שטאָטישער באַקאַנטשאַפט.

אים זאָגט א שנײַדער זינגענדיקערהייט,
אַז ער האָט זיך איינגעאַנצן צוגעגרייט
צו זײַן אַרטעל אַפּ אייביק, ווי א קנאָפּ;
א שוסטער קלאַפּט אין פּלייצע אים. שפּאַסט אָפּ
פון זיך אַליין און וויצלט דאָרט זיך פרייליעך,
אַז ער איז איבער אַלע פּיס דער מייליעך,
כאָטש ס'איז מיט פּלעקלעך אָנגעשטאָפּט זײַן קאָפּ...
נאָר גלייבט ניט, ווען ער גיט א זאָג פאַרקלערט
דאָס אַלטע ווערטל: „שעווצי טאָ נע ליודי",

און גיט א זיפצ: „א קאָזי נע טאָוואר”,
דאָס מאכט ער אפ לעצאָנעס זיך צום נאר,
ער איז בא זיך געקרוינט, ער ווייסט זײַנ ווערט —
און ס'גלוסט זיך זײַנ מיט יעדנ אויסגעבונדנ,
ווײַל פרײַנטשאפט איז אים טײַערער פונ קונדנ.

זײַט איר בעשאס גערעטעניש אמאָל
געווענ צוגאסט בא ליפענ אינ זײַנ סאָד?
דאָ הוידעט אפ די צווײַגנ זיך די בראָכע,
אינ פרווו-גאָרטנ דאָרט רוישט די גאנצע שטאָט,
ווי גלײַך איינ אויסגעבונדענע מישפאָכע.
מע פאָרט פונ פרעמדע דערפעלעך אפילע,
און ניט כאָלילע גלאט צוליב אכילע,
דאָרט זײַנענ פרוכטנ דאָך בעזיל-האזאָל,
מע קומט, ווײַל ליפעס גאָרטנ האָט א שעמ,
מע ווייסט, ער האָט מיטשורינענ געזענ
און לאנג מיט אימ געהאלטנ זיך א יישעוו,
ער האָט זיך אויסגעלערנט ווי מיט קישעפ
ארויסרופנ אנ אלטנ בוימ צום בליענ
און שפאָגל-נײַע פיירעס אופצוציענ.
און מול מיט נײַער סימכע איז דער קאנט,
און מאזלדיקע זאטע שעפע נערט
די אופגעריכטע גאָלדענע מעקוימעס...
איז ווי זשע קענענ אפ אזא מינ גוטער ערד
גאָר קומענ וויסטע פינצטערע כאלוימעס?

און דאָך איז עס געשענ אזוי געשווינד.
עס האָבנ שוינ די אופגעוואכטע שטראלנ

ביז סאָפ דעם פרי פונ שאָלעמ ניט דערשפּינט,
ס'איז ניט קיינ טוי, די טויכעכע געפאלנ.

געפאלנ, ווי א כמארע, איז דער דײַטש
ניט מיט קיינ בליצ — מיט מעסערס איבער צוויטנ,
ער האָט די ערד, ווי גלײַכ א בויכ, צעשניטנ
אונ מיט אזא מינ זריע זי פארזייט,
אז ס'האָבנ זעלבסט די גראָזנ איבער רויערד
זיכ ווי די האָר אוועקגעשטעלט קאָפּויר דאָ.

ניינ, ניט די ערד, נאָר טאקע בא א מוטער
האָט אופגעהאקט מיט נעגל דער ניטגוטער
איר נאכעסדיקע, איר געבענטשטע טראכט.
אונ קינדער, וואָס זי האָט דער וועלט געבראכט,
האָט ער מיט יאָרנ, לעבעדיקערהייט,
דערוואקסענע צוריק אינ איר פארזייט.

שוינ אָנגעזאפּט מיט בלוט דעמ שארפסטנ דאָרנ,
האָט זיכ די דײַטשע כמארע אָפּגערוקט
אונ האָט פונוויַטנ אפ דעמ קאָנט געקוקט,
געזוכט, ווו נאָכ דאָ אויסגיסנ דעמ צאָרנ.
אוועק דער דײַטש איז פונ מײַנ דניעסטער-ברעג,
נאָר זײַנע נאָכטענצער, זיי זײַנענ ניט אוועק,
ס'האָבנ רומענישע באָיארנ אימ פארביטנ,
אונ דאָכ, עס האָט מיט ניסימ זיכ פארהיט,
ווי זאנגענ, וואָס דער סערפּ האָט אויסגעמיטנ
אונ אלפּי טאָעס ניט אראָפּגעשניטנ,
נאָכ דאָ אונ דאָרט א זייכער פונ א ייד...

2. פּאַרטיזאַנער־וואַלד

א. פּרעליודיע

דער וואַלד דער אוקראַיִנישער איז דאַן
פון וואָרצל ביז דער קרוין געווען אַ פּאַרטיזאַן.
ער האָט אַפּ עפּעס שטענדיק זיך געריכט
און אַלעמאָל געביטן זײַן געזיכט,
ווי גלײַך געוואָלט אַליין זיך אויסבאַהאַלטן
אין אַלערליי פאַרקישעפּטע געשטאַלטן.
און ס'האָט געדאַכט, אַז לעבעדיק געוואָרן
איז אַפּדאָסנײַ דער אַלטער „וואַלד-גאָט" פּאַן:
אָט זיצט ער אַפּ אַן אָפּגעהאַקטן שטאַם
און מאַכט זיך פון אַ ווינטעלע אַ האָרן,
און רוישט ווי אין די ברייטשיסדיקע יאָרן
אַרײַן זיך אין דער בלעטערדיקער באָרד
אַ מײַסעלע אַ גרינס, וואָס דאַרף פּאַסירן,
און ברענגט ער נאָר ארויס דאָס נייטיק וואָרט,
ווערט באַלד דער מענטש מיט בוים צונויפגעפּאָרט
און ס'הייבט דער וואַלד זיך מאָדנע אָן צו פירן.

א בוימ צערעדט זיכ אפּ א מענטשלעכ קאָל
און שיקט ארויס א פויגל אינ די הייכנ,
ווי געבנ וואָלט ער עמעצנ א צייכנ;
א צווייטער נעמט צעפּראַלנ מיטאמאָל
די צווייַגנ די געדיכטע פאר דעמ רוימ
און עפנט אופ א פענצטער אינ דער קרוינ,
און ס'קוקט פונ דאָרט א וואלד-מיידל ארויס
מיט א שפּאקטיוו אפּ עפּעס אָנגעווענדט,
אָט פונקט ווי ס'האלט די אויגנ אינ די הענט.
און זי דערזעט, אז פונקט ווי א מינ שויס
זיכ עפנט באַ א שטאמ אליינ די קאָרע,
ווי אויסגעהוילט וואָלט זייַנ אינ בוימ א נאָרע,
און ס'גייט פונ דאָרט א שרעטעלע ארויס.
איצט זעט זי שוינ דורכ גלעזער פונ דער רער,
דאָס קליינינקע הייבט אָנ די פּיסקעס ברעכנ,
צי נאָדעלעכ זייַנ באָרוועס פיסל שטעכנ,
וואָס עס באוואשט זייַנ אויג זיכ מיט א טרער,
צי ס'האָט אינ וואלד א מאמע עס פארגעסנ.
צערודערט שפּרינגט זי פונ דעמ בוימ אראָפּ,
נאָר זי דערהערט, דאָס שרעטעלע בעט עסנ,
זי גלעט עס אזוי ווייכ איבער דעמ קאָפּ.
דאָס וויל זי, אז ס'זאָל ווערנ איַינגעשטילט.
און טייקעפ גיט אנ ענדער זיכ דאָס בילד:
דאָס שרעטעלע שוינ שפּרינגט, ס'איז מער ניט שאָפל,
און שפּענדעלעכ סע קלייַבט אונטער די פיס,
אָט שטייט צו זיי שוינ צו א יונג א ריז,
די גוטע פּייע שיילנ נעמט קארטאָפל.
מיט אזא ווארעמ-כאוועריש שפּראכ

שוין פּלאַפּלען דאָרע צווײַגעלעך פֿון סכאַך,
און ס'בורטשעט אין דעם טאָפּ דער דאַמפּ דער נאַסער,
און אַלעס רעדט פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער.
און ס'גייט אַוועק מיט גרויען שײַטער-רויך
דאָס מײַסעלע פֿון וועלדער אין דער הייך.
אָט רוישן פֿראָסטע מענטשן אויפֿן גראָז,
זיי וואַשן זיך, און שמועסן, און קאָכן,
פֿאַרדײַגעט שטייט לעם זיי דער אײַנדערוואָכן,
און דאָך איז אַלץ דאָ פֿול מיט אַזאַ כיין,
צי ווײַל פֿון שײַטער לויכט עפּעס מיט היים,
צי ווײַל דער וואַלד דערמאָנט אין אַ מישפּאָכע.
און איינס אין צווייטן טוליעט אײַן זיך טרײַ,
נאָר אָט צערייצט דעם וואַלד אַ שיסערײַ,
און די קאַרטאָפֿל הערן אויף צו זידן,
דאָס טעפּעלע שוין ליגט איבערגעקערט,
ווי אויסגעגאָסן וואַלט זיך אויף דער ערד
דאָס היימלעכע, דאָס לײַבלעכע, דער פֿרידן,
און שוין ניט קיין קאַרטאָפֿל, נאָר דער שרויט
איז איצט פֿאַר פּאַרטיזאַנער זאַלץ און ברויט.
און מיט מעסיראַס-נעפּעש נעמען טאַנען
מיט זייער ברוסט פֿאַרשטעלן פּאַרטיזאַנער.
נאָר וויפֿל טראָפּן בלוט מ'האָט דאָ געלאָזט,
ניטאָ אַזוי־פֿיל יאַגעדעס אין גראָז.

יאָ, פֿענעמער פֿאַרמאָגט האָט פֿיל דער וואַלד,
נאָר הינטער זיי געלעבט האָט איין געשטאַלט —
אין דער געדיכטעניש פֿון נאָדעלעך פֿון שאַרפֿע,
אין דעם מישמאַש פֿון אַלטן בלעטער-פֿאַל,

ווּ ס'איז א שפּילקע־קעפּל ניט צו ווארפן,
ווּ ס'קלעקט אויך ניט קיין שפּארע פאר קיין שטראל,
האָט זיך א וועג געפונען און פאַרטײַעט
דאָס יוגנטלעכע לײַב פון אונדזער פרײַהײַט.

* * *

וואלד,
לײַכט אָטעמסטו א יעדער ווינט ארײַן,
מיט אים ווערט רוישיקער דײַן זײַן.
איז אינע, ווי א ווינט, צו דיר דען ניט געלאָפן
(ס'איז אָט דאָס ווינטל ניט איין נאכט שוין ניט געשלאָפן)?
פארוואָס זשע, ווען זי איז צו דיר געקומען,
האָסטו זי גלײַך בא זיך ניט אופגענומען?
דו האָסט צו איר די צווײַגן אויסגעשטרעקט
און ווי מיט נעזער, פאָרשנדיק, באשמעקט
איר יעדן ווענד, איר יעדן קער,
ווײַזט אויס, ארײַנצואָטעמען א מענטשן אָן געווער
איז דיר געווען דאן זייער שווער.
דו האָסט פאר איר די אָרעמס ניט צעשפּרייט,
קיין נאכטלעגער, קיין טיש איר ניט געגרייט,
דײַן בער האָט איר זײַן לאפּע ניט געשטרעקט,
ווי גלײַך א טעלערל מיט זיסע נאשערײַען
(דער מענטש האָט דאָ קיין האָניק ניט געלעקט).
דערפאר אָבער געטראָפן האָט אזוי,
אז ס'האָבן זי ווי אייגן בלוט באגעגנט
מיט הערצער אופגעעפנטע אנטקעגן
גײַ מריאַ און וואסילי טשעפּורנאָי.

ב. צוויי יוגנט-כאוויירים

ווער ס'האָט טשעפּורנאָיען ניט געזען
אין זומערדיקן ברעג פון ספּאָרט-געוועטן,
דער האָט קיין שיינס אין לעבן ניט געזען.

וואָס האָט אליין זיין האלדז געהאט די ווערט!
ווי נאָר א מינ באוועגונג אפ דער ערד
האָט, דוכט זיך, אָט דער האלדז אין זיך זי איינגעשלונגען,
דער גאנצער קערפּער האָט דורכ אים געזונגען,
ער האָט אייך מיט זיין שלאנקן שטאלט דערקלערט:
— זעט, מונטער נאָר סע זיצט אפ מיר מיין קאָפּ,
ס'איז מיין געזיכט — פּאראָטעמטע צוויי ליפּן,
און אין מיין ברוסט זיך טראָגט א הארצ גאלאָפּ
און וויל אריבער דעמ באריער פון אלע ריפּן.

ווען טשעפּורנאָי ווארפט אין דער הייך דעמ באל,
איז הענגט ער לאנג, ווי צוגעבונדן אפ א שטראל,
און ס'דאכט, דאָס פליט אליין זיין קאָפּ אוועק
מיט הילכיקן, מיט יינגלשן געוויםל
אפ זוכן צו דער זון דעמ קירצסטן וועג,
אפ אָנפילן מיט לייביקייט דעמ הימל,

און פֿאַלט צוריק פֿאַרבענקט אַראָפּ פֿון אויבן,
ווי פֿון אַ ווײַטער רײַזע אומגעקערט,
און טאַנצט אַרום פֿאַרליבט אױף אונדזער ערד,
און אַרעמט זיך מיט רויכעלעך פֿון שטויבן.

און ס'איז געשען: ס'האָט טשעפּורנאַי פֿאַרלאָרן
זײַן סטאַדיאָן, וואָס איז פֿאַרוויסט געוואָרן.
ער האָט דערזען: פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ שטריק,
וויגט אום דער ווינט אַ מעס אױף זײַן טורניק,
ווי דער געהאַנגענער וואָלט אַלץ דער וועלט נאָך פֿרעגן:
„צי קען אַ לײַב זיך דען צעשיידן מיט באַוועגונג?“

געבליבן איז אין לײַב אים אין פֿאַרשטאַרטס
נאָר איין באַוועגונג — ווײַ פֿון דער נעשאָמע,
געגורט האָט מיט די ריפּן זיך זײַן האַרץ,
ווי גלײַך מיט פּערצן סערפּן אױף נעקאָמע,
און מיטגענומען האָט ער די געשטאַלט
פֿון טויטן סטאַדיאָן מיט זיך אין וואַלד.

און איצט, ווען ס'איז פֿאַר אים געשטאַנען אינע,
האָט אויך דער סטאַדיאָן זיך מיטאַמאָל
צעהעלט אין בלויען אָנטאָן פֿון באַגינען,
געשײַנט פֿאַר טשעפּורנאָיען ווי אַמאָל,
ווען אינע האָט געשפּילט אין וואָלייבאָל,
געיאָגט זיך צווישן ייִנגלשן געווימל
אין בלויען מײַקעלע — אין פֿלאַטערדיקן הימל.
אים האָט געדאַכט, אַז יענע פֿרײַע ערד
האָט איצט צו אים מיט אינען זיך געקערט.

* * *

פאַר מרייאַנ האָט זיך אומגעקערט די זון,
ער האָט זיך ווי אַ שטילע זונען-בלום
געצויגן צו דעם ליבן מיידל — אינען.
אַ קוק צו טאָן אַף אים, ווער וואָלט געפינען,
אַז אָט דעם יונג מיט זיין ניט דאָרפישן געזיכט
האָט גראָד דאָס פעלד דאָס אוקראַיִניש אויסגעטראָגן,
און זיין נעשאָמע זויבער אויסגעצוואָגן
מיט קילן טוי, מיט זומערדיקער ליכט.

אַ קינד, האָט ער געטוליעט זיך צו סטאַדעס,
צום פייפעלע, צום גראָז פון די לעוואַדעס,
צו שייטערלעך פון פּיאָנער-אָטריאַדן.
דערנאָך, ווען ס'האָט זיין קינדהייט אויסדערציילט
שוין אַלע סוידעס דער סאָפּילקע, פול מיט טוגנט,
האָט זיך פאַרביטן דאַן זיין פייפל אַף אַ פלייט,
פונקט ווי ס'בייט זיך אונדזער קינדהייט אַף דער יוגנט,
און דאַן צום ערשט באַגעגנט האָט ער אינען,
זיין פלייט איז פול געוואָרן מיט איר ליד,
באַגעגנט האָט ער אינען, ווי זיין צוויט,
זיין וועלט איז אים געוואָרן הויך און פריידיק
און ברייטער פון האַרמאָניקעס זיין האַרץ,
אָן איר געזאַנג האָט ער געפילט זיך ליידיק,
ווי פעלדער אָן די פייגעלעך אין האַרבסט.
ער האָט געטראַכט, צי קען ער זיך אַזוינס פאַרגינען,
זיין ליד זאָל זיין אַף אינעס האַרצן אָנגעשפּאַרט.
עס פלעגט אים גאָר ניט קומען אַפן זינען,

אז אינעם יונגע הויכע שטים — זי לעבט
און שפּאַרט זיך אָן אַף ראַכוועס פון זײַן סטעפּ.

א לעבן טראָגט די ערד מיט דיר זיך אום,
ס'איז דיר ניט אָנגעלייגט, דאָס איז אַזוי געוויינלעך,
די ערד קען אַנדערש דאָך ניט זײַן פאַר דיר, ווי הײמלעך,
אויך פּונקט אַזוי ווי ס'דאַרף דאָך לויכטן דיר די זון.
נאָר ס'קומט א צײַט, ס'ווערט ניט מיט אַלעמען דײַן היים,
דאַן שפּאַנט די ערד אַרוף אַף דיר אַליין,
זי לייגט זיך שווער אַרוף אַף דײַן געביין
און אין איר שווערקײַט, אין איר ווייטעק, אין איר פיבער
זי ווערט פאַר דיר נאָך כּאָשעווער, נאָך ליבער.

אַצינד טראָגט מרייא אום זײַן ערד, איר פּײַן,
און ס'דוכט, אַף זײַנע פּלייצעס איז איר היימלעך.
ס'איז שווער אַזוי, נאָר ס'ווערט פאַר אים געוויינלעך,
און אָט געפינט ער נאָך א פרײַנט א טרײַען,
מיט אינען, דוכט זיך אים, וועט גרינגער זײַן
צו גיין און פּאַרטיזאַנעווען אינדרײַען.

3. דאָס לאַגער־קינד

א. מאַטעסל

בּא אָט דעם קלײנינקן, נאָר זײער ספּריטנעם יונג
איז װי געװען דערװאַקסן שױן די צונג,
ער האָט גערעדט, װי ס'רײדן אַלטע לײַט,
און ס'האָט געדאַכט: עס שטעקט אַרױס דאָס ייִנגל
צוליאָכעסדיק זײַן אױסגעשליפן צינגל
אַנטקעגן דער פאַרבּיסן-שטומער צײַט,
װאָס האָט פאַר אים קײן לאָשן ניט קײן רעכטס
און האָט דאָס װאָרט פאַרבּיטן אַף אַ קרעכץ.

אין גראָבן העמד פון טאָרבעס אױפגעשטורכעט
די בּײנדלעך האָבן אײנס דאָס אַנדערע געשטורכעט,
װי אײנער רעדט: „פאַרפאַלן, זיך געפּאַקט”,
ער האָט אײנגאַנצן אין די שמאַטעס זיך געװאָרפן,
װי אַ מין װעװעריקל געפאַנגען אין אַ זאַק.

די אױגן-בּאָלעכעס אַף מאָגערן געזיכט
געקוקט האָבן פאַרפרעמדט און אומגעריכט,

ווי צוויי „מאמזיירימלעכ”, אונטערגעוואָרפנ
נאָר אלפי טאָעס אָט דעמ פענעמל דעמ שארפנ,
אונ זיי, זיי קענענ זיכ ניט אייגענענ אפ דעמ,
געפינענ נישט קיינ דאכ אונטער דער ברעמ
אונ קריכנ אײַכ ארופ אפ אײַער פאָנעמ,
נאָר וויפל צאר אינ זייער אזעס-פאָנעמ,
ווי גלײַכ מיט זיי וואָלט זיכ דאָס קינד פארקלאָגט,
מיט אָט די גרויסע אויגנ אײַכ געזאָגט:
„די צײַט מיט מײַנע ביינדעלעכ זיכ ווארפט,
איכ פאל ארופ אפ לײַט ווי גלײַכ אפ דאָרנס,
איכ פאל אפ לײַט, פארשטיינערטע פונ צאָרעס,
דערפאר בינ איכ אזוי שוינ אויסגעשארפט.”

אונ אויסגעזעענ פונ אויבנ ביז ארופ
האָט טאקע ווי א מעסערל זײַנ גופ.
אונ ווי האָט ער געקענט דענ אנדערש זײַנ,
ס'איז אָפנ נאָר די וועלט געווענ פאר פײַנ,
פאר אימ איז זי געוועזנ נאָר א שפארע,
האָט ער באקומענ שמאָלע אייוורימ, דארע,
אפ אומבאמערקט אדורכקריכנ א פלויט,
פארצוימונגענ פונ דראָט אריבערשוועבנ,
ער וואָלט א שפילעכל געדארפט נאָכ אינ זײַנ לעבנ,
נאָר איז א שפילעכל געוואָרנ בא דעמ טויט,
אונ ער איז ווי געקראָכנ פונ דער הויט,
ווי גלײַכ געגאנוועט שטיל בא זיכ די קינדער-יאָרנ, —
ער איז דאָס פירערל פונ טויט-לאגער געוואָרנ.

ער האָט געפירט מיט יענע הינטערוועגן,
ווו ס'פאַלט אַ מין פאַרזינדיקטער דער רעגן,
ווי ס'וואָלט פאַרשיקט דער הימל אים אַליין
צו פוילן דאָ אין קאַליוזשעס מיט שליים;
ער האָט געפירט מיט יענע הינטער-טראַקטן,
ווו צווישן דערנער גייט די זומער-צײַט,
פאַראָרעמט מיט אַ שפּאַן אַ ניט-געוואַגטן,
ווי גלײַך זי פּילט, אַז צווישן זאַמד און קרײַד
וועט פון איר גראָז ניט אויסוואַקסן קיין לײַט.

ער האָט געפירט מיט יענע ווינטער-פעלדער,
ווו ס'ווערן זעלבסט די הרודעס אונטער קעלטן,
ווי שאַרפע קרומע קאָסעס אויסגעשמידט,
און שנײַדן אָפּ פון אונטער פיס די טריט.

נאָך אים זיי זײַנען ניט געגאַנגען, ניין!
ווי האָבן זייערע פיס געמעגט דען גיין?
מ'האָט רוק און לענד באַ זייער גוף צעבראָכן,
זיי זײַנען אויך אפילע ניט געקראָכן!
געוועזן איז זיי נאָר מיט דער נאָז באַשערט
צו גראָבן זיך ניין אײַלן אין דער ערד.
און אים זיי האָבן „מאַלעכל" גערופן,
דאָס מאַלעכל געשלעפּט האָט קראַנקע גופן
(אָ, קליינער צוג פון אומענדלעכן וויי),
ער האָט געמוזט קאָמאַנדעווען מיט זיי:

„קריכט אפן בויך! קאַראַטשקעט זיך אַראָפּ!
זע, כאַפּ טיפעש, צי אַרײַן דעם קאָפּ,
דײַן גאָלדענע מעציע אָן געהירן

קען אלעמען צום רועב איצט פארפירן.
דו, לײבל מעס, הער אוף מיר צו קאכיקען,
עס וועלן אונדז דערהערן די מאזיקים;
און ריסיע, דו אפ שפעטער לאָז דײַן הוסט,
און אז מע האָט א זשאבע אין דער ברוסט,
איז דארף מען טאקע קוואקען איצט און פראכן?
אָ! קינדערלעך, פארגעסט די אלע זאכן...
עך, הערש, עס זיצט א דיבעק אין דײַן נאָז,
פארשטעק דיר דײַנע נאָזלעכער מיט גראָז,
צו אָטעמען איז איצטער סאם-האמאָוועס.
דער אָטעם רופט צו זיך דעם מאלעך-האמאָוועס!..״
ער האָט גערעדט — ווי זייער ווײ און ווינד
וואָלט זײַן דאָס וויסטע לאָשן פונעם קינד.

און טרעפן פלעגט אום ווינטער טאקע ס'ראָוו,
ווען אונטער ווײַסע לײַלעכער פון הימלען
פלעגט אָנהייבן א ייִד ווי אײַנצודרימלען,
ווי זײַן וואָלט זיס אין סטעפּ דער טיפער שלאָף;
ער פאלט. ארום זײַן מויל עס ווערט צעלאָזט
אין א מין קליינינק טײַכעלע דער פראָסט:
דאָס שיידט פון אים זײַן וועלט זיך אָפּ אין טרערן,
דאָס האָט אין שניי זײַן אָטעם זיך צעוויינט,
נאָר ער, ווי גלײַך ניט אים וואָלט מען געמיינט,
ליגט רויִק שוין מיט פלייצעס צו די שטערן.
און ס'ווערט דער שניי, וואָס האָט ניט לאנג געלאָזט
ארום זײַן מויל פארפרוירענער פון גלאָז,
ווי גלײַך אליין דער ווינטער וואָלט איצט וועלן
ארונטער נאָז א שפּיגל אונטערשטעלן

און פּרוּוון, צי דאָס איז זײַן לעצטער הויך.
אָ, מער וועט שוין דער ייִד ניט סאָפּען הויך.

און ווײַטער גייט די ריי פון ווינד און ווײ,
און מאַטעסל קאָמאַנדעוועט מיט זײ.

געווען איז ער דאָס בײַטשעלע, וואָס טרײַבט
אַ זיך אַ זײ ארײַן אין דער אדאָמע;
צעריסן איז אין אים שוין די נעשאָמע
נאָך מערער ווי זײַן העמדל אפן לײַב.
ער איז דאָ סײַ דער קלענסטער סײַ דער עלטסטער,
און ייִדן שטרעקן אויס צו אים די העלדזער
און בעטן: „פּיר!" און הייסן: „זײַ שוין גרויס,
פאַרגעס, פאַרגעס אַ מוטערלעכע שויס."
געוואָרן ווי אַ קינד איז ער פאַרמאַטערט,
געוואָרן ווי אַ גרײַז איז ער פאַרשוואַרצט,
אַן אַנדערש מאָל וואָלט נאָך אַפ אים געפלאַטערט
דאָס פאַרטעכל דער מאַמעס מיט איר האַרץ,
ווי אַ מײַן פּאָן אַפ זײַנע קינדער־יאָרן,
אָ, ניט אומזיסט ער פלעגט איצט זינגען האַרב:
„צי בין איך פון אַ שטיין אָט דאָ געבאָרן."

יאָ־יאָ, מע פלעגט אים האַלטן פאַר אַן אַלטן,
און ער וואָלט נאָך באַם פאַרטעכ זיך געהאַלטן,
נאָך אַפ אײן פוס אַ שפּרונג געטאָן פאַרשײַט,
ווי דאָ מיט זײ אַפ אַלע פיר צו קריכן,
און נימעס פלעגן ווערן אים די לײַט,
ער פלעגט זײ ווי אַ קאַץ אין פּאָנעם קריכן

און טאקע מאכן קאלעקאצ און קלעק,
און כויזעקן, און זידלען, און פאראכטן;
און ווי האָט ער געקענט דען עלטערס אכטן,
אז אומבאהאָלפן פלעגט מען אפן וועג
שוין ניט ווי מיט א קינד מיט אים זיך ראטן,
נאָר זיך מעיאשעוו זײַן, ווי מיט א טאטן.
אים פלעגט מען ווי א יינגעלע ניט דארפן,
ער איז געוועזן העפקער, אפן ווינט,
דערבײַ אזא פאריאָגטס — א לאגער־קינד,
וואָס האָט די ציין ניט אופגעהערט צו שארפן.

ווײַזט אויס, אז אָט דאָס נעפעשל דאָס קליינע
האָט טאקע נאָר פארהיט, ווי מיט די ציין,
דאָס ליכטיקע, דאָס קינדערשע, דאָס ריינע.
דער אומגליק האָט צעבראָכן זײַן געביין,
זײַן לײַב אפ אלע מיסטן אויסגעוואלגערט
און אפ זײַן הארצ זיך שווער ארופגעוואלגערט,
ווי אפ א ברונעם פאלט ארופ א שטיין,
און ווײַל זײַן הארצ געוועזן איז געענגט,
האָט דאָרט געקלאפט דאָס קוועלעכל נאָך פולער,
געשלאָגן און געטראָגן זיך נאָך דולער
און ווי געמורמלט אײַנגעשפארט, פארבענקט:
„דעריקער, נאָר ניט אופהערן צו שטראָמען
און קוועלן — אפ צעפיקעניש די סאָנים."

און אויך אפ נארעס, אויסגעהאקט פון ליים,
ווו ס'האָט די ווילדע פלאָג דעם שלאָפ געפרעסן,

האָט ער געפונען ווו זיך צו פאַרגעסן
און אויסגעזוכט פאַר זיך אַ מאָדנע היים:

ניט ווײַט פון דער געפּעגקעניש דעם קינדס
שטייט פראַנק-און-פרײַ אַ ריזן-דעמב אַ זאָקן,
ווײַל-באָכעריש ער טרייסלט מיט די לאָקן,
שפּילט אונטער מיט אַ ווינטל זיך אַ לינדס,
דער טויט-לאַגער האָט אים ניט אָנגעשראָקן —
מיט וואָרצלען האַלט ער פעסט זײַן פרײַע ערד,
זײַן העלע קרוין האָט ער אוועקגעקערט
פון אָט דעם טויטן-לאַגער ווי אומיסטן
און וואָרטשעט, דוכט, אַז פון דעם אָרט דעם וויסטן
און פינצטערן די גרינע גאַל אים קערט.
ער ברוגזט אָן, ווי ברעמען, זײַנע מאָכן,
ער איז ניט שטאַרק צופרידן מיט דעם שאָכן.

זײַן גרונט איז טיף, זײַן הימל איז געראַם,
ער טראַכט ביז איצט נאָך ניט, דער דעמב דער גיבער,
צו שיידן זיך מיט אָט דער ערד דער ליבער,
כאָטש ס׳איז צעפּוילט און אויסגעהוילט זײַן שטאַם.
די ווערעם האָבן לאַנג אַפּ אים געלויערט,
אין אים האָט אַ יאָרטויזנט אויסגעבוירערט
אַ פינצטערע, אַ קײַלעכיקע לאָך,
אַז ס׳זאָלן זיך אין אים באַזעצן סאָוועס
און אויסשרײַען אַפּריער אים זײַן בראָך,
נאָר ס׳איז דעם וועג פאַרגאַנגען דעם מאַלעך-האַמאָוועס
אַ ייִנגעלע — אַ בלאָנקענדיקע ריגד.
דער דעמב האָט זיך באַפרײַנדעט מיט אַ קינד.

און מאטעסל איז דאָ אַן אָפּטער אוירעך,
ער קומט ווי צו א זיידעניו צוגאסט,
ער קריכט אין די געדערים אים און שפּאסט:
„ווי גייט עס אין געזונט, מײַן אלטער טערעך?"
צום לאָך האָט ער א טירל צוגעפּאסט,
געמאכט פון א שטיק אָפּגעפליקטער קאָרע,
און אין דער טיף זיך אויסגעבעט א נאָרע.

אָט קומט די צײַט, אין וואָלקנס ווערט די זון,
ווי גלײַך אין בגאָדים שווארצע אָנגעטון,
די ביימעלעך, פארקערט, זיי ווערן נאקעט,
צום גאנצן רומל מראקעט נאָך און מראקעט,
און עס צעקלויצעט, דוכט, אליין דער הארבסט
בא מאטעסלען א בלאָטע אינעם הארץ;
דער רעגן פלעכט ארום דעם גאנצן רוים
מיט טריפנדיקע דרעטלעך, ווי מיט גראטעס,
די בלעטער זעען אויס, ווי געלע לאטעס,
פארסטריגעט אפ די ארבל פונעם בוים,
ס'הייבט אָן די ערד אין געלער זוכט זיך טרינקען,
דער אוילעם נעמט אין לאגער-ליימען זינקען,
און ס'וואשט זיך, דוכט, אליין די לאגער-וועלט
אין ריטשקעס, אויסגעמאָגערט און פארגעלט.

דאן שארט ער זיך ארויס, ווי אומדערוואַרט,
און לויפט שוואליאָמ אוועק צום דעמב צום ליבן,
אָט האָט ער זיך אין נאָרעלע פארקליבן,
און ליגט ווי אין א מוטערלעכער טראכט;

די לאָדעלעך אַראָפּגעלאָזט אויגן,
פֿון קניִעס אַ מינ בעטעלע געמאַכט,
דעמ קאָפּ אַזוי אינ ברוסט אַרייַנגעצויגן,
אַז ליפּעלעך זיך טוליען צו צומ האַרץ.

אינ אויסגעוואַרעמט־זויערלעכנ רוימ
ער ווערט ווי אַ מינ אוראַלטער שטיק דרימל,
ער הערט שוינ קוימ, ווי אויבנ אַפנ בוימ
גיסט אויס פֿונ אַלע קיילימ זיך דער הימל,
ווי כאָדאָראָמ גייט אומ דער גאַנצער סטעפּ,
ווי ווינטנ רייַסנ ווילד זיך באַ די קעפּ
אונ פּאַטשנ זיך מיט אויסגעדאַרטע ריטער,
די גאָרע וועלט זי גיט אינ דעמבנ אַ ציטער.
אונ ס'ווייַזט זיך אויס: עס קלעטערנ אַרופּ
אַ מאַכנע מעכאַשייפעס אַפּ זייַנ גופ
אונ ראַנגלענ זיך מיט אימ שוינ יאָרנ קאַמע
אונ קוויטשענ: „גיב אַרויס דאָס קינד צוריק."

נאָר ווי ס'איז אימ ניט ביטער, האָט ער גליק
זיך הוידענ אַפּ דער עלטער, ווי אַ וויג,
אָנ שלאָפּ צעבראָכנ ווערנ ווי אַ מאַמע,
אַז בלייַבנ זאָל אַ גאַנצ אַ אויסגעהיט
דער נעפּעש צווישנ פּינצטערע בעהאָלעס.
צו מאַטעסלענ דערטראַגט ער אַלע קלאָלעס
שוינ נאָר ווי אַ מינ בענטשנדיקע ליד:

„שלאָפּ איינ, דו ביסט די קרוינ באַ מייַנע וואָרצלענ,
שלאָפּ איינ, דו ביסט דער אויצער אינ מייַנ שטאַמ,

ניט שרעק זיך פֿאַר דעם ווילדן טאַראַראַם,
צו דיר האָבן קיין שליטע ניט די ראָצכים;
איך פֿיל, ווי ס'איז איצט נידעריק דײַן היים,
געבויגן ווערט אײַנדרײַען דײַן געביין,
נאָר ס'איז, מײַן קינד, ניטאָ קיין אַנדער ברירה,
די לופֿט איז איצט פֿאַר מענטשן אומגעזונט,
אָ, גלייב, אַרויסצולאָזן אויך אַ הונט
איז אַף דער גאַס אַפֿילע אַן עוויירע.

נאָר ווידער וועט דער פֿרילינג זײַן אין קראַפֿט,
און ווידער וועט ער עפֿענען די גרונטן,
און דאַן וועסטו אַרופֿשווימען פֿון אונטן
אַף לעבעדיקע שטראָמען פֿון מײַן זאַפֿט,
און זײַן וועסטו מײַן מאַלכעסדיקע פּיירע."

און עס געשעט. דער זומער נעמט זיך שטײַגן
מיט לאַפּקעלעך מיט גרינע אַף די צווײַגן
און שלעפּט, ווײַזט אויס, דאָס קינד מיט זיך אַרויף,
און אויבן די בלעטער ציטערן דאַן אויף,
איז נאָר דערפֿאַר, ווײַל ס'טרייסלען זיך די פֿיסלעך
באַ מאַטעסלען. ער קריכט, ער שנאָרכט, ער האָרכט,
זײַן האַרץ איז — ערעוו-יאָמטעוודיקער פֿאַרכט,
ווי ס'וואָלטן ניט קיין כאַזערישע ניסלעך,
נאָר רענדעלעך גאָר אַפֿן בוים געהעלט,
און רײַסט ער נאָר אַראָפּ אַ גאַנצן הויפֿן,
דאַן קען ער גלײַך פֿאַר זיי אַוואַדע קויפֿן
זײַן פֿריִערדיקע קינדערישע וועלט...

און וואָס ער טוט דאָרט, טאָר ניט וויסן קיינער.
געווען איז איינעם לאַגער דאָרט נאָר איינער,
צו וועמען ער געקלעפּט האָט, ווי צו מעד,
אָ, יענעם מענטש איז שווער געווען צו ווייכן,
פאַר אים האָט ער זיין האַרץ זיך אויסגערעדט,
אין אים האָט ער געפונען זיינס א גלייכן
און אויך אין אים אַן עלטערן געזען,
דאָס איז דער גערטנער ליפּע דאָך געווען,
אין אים האָט זיך דער זאַפט ניט אויסגעשעפּט.
ס'איז שיין געווען צו קוקן, ווי עס קלעפּט
און לאַנטשעט זיך צו אים דער קליינער מאַזיק,
אָ, אים האָט ער גערופן — „ליפּע-קרוין",
און „ליפּע-לעב", און „ליפּע-דאַבּרעמאַזל",
ווי אַט דער איינער מענטש וואָלט שוין פאַר דריי
אין לעבן אים אַריין געווען געטריי.
דאָך וואָס ער האָט צו טאָן דאָרט אויפן בוים
האָט מאַטעסל אַפילו פאַר דעם אַלטן,
ווי א פאַרווערטן אָטעם אויסבאַהאַלטן.
ווען ס'וואָלט די הייך, וואָס כאַפּט א קוק אין קרוינען,
באַ ווינטעלעך זיך אויסגעלערנט שפּראַך,
וואָלט זי זיך ניט געפוילט אַייך איינצורוימען,
אַז מיטן קינד געשעעט א גרויסע זאַך.

און קומען קומט אַזאַ מין וווּנדער פאָר:
פון דראַנקעס, פון אָט יענע מינע בגאָדים,
ווו עס געזעגנט זיך א פּאָדעם מיט א פּאָדעם
און גיבן זיך אין זייטן א צעפאָר —
פון דאָרטן ציט ער פלינק אַרויס א פייַן,

א רויט שטיק זײַד, ווי א מינ פּאסמע שײַנ —
ס׳איז גאנצ און בונט, ס׳איז נײַ און אויסגעזונגענ,
ווי נײַ, און העל, און גאנצ עס קענ נאָר זײַנ
א האלדזטוכ פונ א לענינעצ א יונגנ.
און אָט דאָס צײַג, וואָס איז נאָכ רײנ און לינד,
גיט אימ א גלעט און הײסט אימ זײַנ א קינד
און וועקט מיט העלקײַט אופ אינ אימ געפילנ,
און מאטעסלענ פארגלוסט זיכ ווידער שפּילנ:
א זונג, א שפּאס, א באלעווע זיכ טאָנ,
ער קוקט אפ זיכ אצינדער ערשט ארומ:
„מײַנ שניפּס, מײַנ כאווערל, דײַנ פרײַנט איז א פּאסקודע,
ער קלערט דאָכ נאָר, וואָס נעמט מענ אפּנ צאָנ,
דו מײנסט, איכ וואָלט דיכ גלײַכ ניט אָנגעטאָנ,
ווענ אָט דער האלדז איז ווי א פלעדערוויש ניט ברודיק?
נו, מײלע, „Эх, руки мыть и ноги мыть“,
און אויכ „сырой воды не пить“ ווי דענ?
א גרויסער קונצ צו מאכנ רײנ א קײלע,
א פענדל פּעטע מילכ ערשט פונעמ ברענ
ארײַנגיסנ אינ האלדז אינ דײַנ געשמאדטנ,
נאָר מילכ... דאָס קענ א לאגערניק פארשאטנ...

און ער פארבײַסט די ליפּ: „שווײַג, זויפער, שווײַג!“
ער ענדערט זיכ, ווערט ערנסט און אנשוויגנ,
מיט וועלכנ הארצ, מיט וועלכנ פארגעניגנ
פארבינדט ער דאָס געהויבענע שטיק צײַג
אפ א פארנײגטנ העלדזל פונ א צווײַג,
פונקט ווי ער וויל זײַנ גוטנ בוימ באערנ
און נעמט דעמ טויזנטיאָרעדיקנ גרײַז

ארײַן אין יענעם שײַנענדיקן קרײַז,
ווו יעדעס פּענעמל איז, דאכט זיך, א באַווײַז,
אז שטענדיק הייבט די וועלט זיך אָן פון פאָנערן.
און מאטעסל מאכט שפּאסנדיקערהייט
(כאָטש מיט א ביסל קינע אין די רייד):
„סע פּאסט דיר, דעמבעניו, ס'איז ווי אפ דיר גענייט,
ווילסט אויך א רויטער־כעוורעניק מיר ווערן,
ווילסט אויך צו פרײַע כעוורע־לײַט געהערן".
און זײַנע אויגן גייען אָפּ, ווי שווארצע טרערן,
ווי ס'וואָלט פון זיי זײַן פינצטער מאזל זיך געפעלט,
און ניט זײַן האלדזטוך פלאטערט אופגעהאנגען,
דאָס איז זײַן הארץ פון אים ארויסגעגאנגען,
צעעפנט זיך, באווײַזן אים זײַן וועלט:

שוין וואקסט די קרוין ארום מיט קינד־און־קייט,
מיט לײַבער, מיט גערודער, מיט געווימל,
אָט הייבט זיך א טראָמפּייט נאָך א טראָמפּייט,
ווי גלײַך א שוווע, פײַערלעך צום הימל,
אז קינדער האלטן שטענדיק פון דער ערד,
אז זי איז גרויס פאר זיי אין זעמדעלעך, אין קוסטן,

און ווי א סימען, אז די שוווע איז דערהערט,
איז קלאפּן זיך די פײַקלעך אין די ברוסטן
און זאמלען, ווי אין זיך, צונויף די טריט
פון פיסעלעך. און אָט מארשירט א ליד
שוין צווישן דעם טראָמפּייט און צווישן פײַקל,
און שײַטערלעך זיך געבן א צעקײַקל...

נאָר שטילער ווערט. עס לעשן זיך די שײַטערס,
ווי ווינט און רויך די מאכנע זיך דערווײַטערט,
און ער צו זיי: „ווו קומט איר, ליבע, אײַן?"
און זיי צו אים: „מיר קענען לאנג ניט זײַן,
מיר אײַלן גיין אין פּיאָנערן-לאגער!"
„אין לאגער?" — קרימט זײַן צורע זיך פון פּײַן. —
און איך גיי אויך, נאָר אין דעם טויטן-לאגער."
ער רײַסט דעם טוך. א רעגע — אלץ פארשווינדט.
און ווידער איז ער נאָר א לאגער-קינד:
„אדיע, אדיע אײַך, פריילעכע קונדייסים,
איך גיי נאָך מײַנע לעבעדיקע מייסים."

און ווי ער פלעגט די „מייסימלעך" ניט זידלען,
האָט ער זיי דאָך געליבט, און אין דער נויט
זיי אויסגעריסן מאמעש פונעם טויט,
פון אונטער די באגרעבערישע רידלען.
„ווײַל ווער קען נאָך דעם וועג?" — פלעגט ער שטאָלצירן, —
דער וועג — ער קען שוין מיך און העלפט מיר פירן."

ב. דער טאטע קלאפּט
איר אָן אין הארצן

שוין באַלד א יאָר, ווי אינע האָט געוווּסט,
אַז ליפּע לעבט, ניין, שטאַרבט אוועק אין לאַגער,
און ס'איז אַרײַן דער לאַגער איר אין ברוסט.

ווי נאָר זי קייטלט אירע ווּיעס צו,
קומט ער צו גיין, א ביסעלע געבויגן,
און קלאַפּט איר מאַמעש אָן ווי אין די אויגן,
און זי געפינט זיך מער שוין ניט קיין רו.
ער קומט צו איר אָן צאַר, אָן קרומע מינעס,
ער שמייכלט נאָר צו איר אַזוי בענימעס.
זי באָדט זיך פּאַשעט אָפּ אין זײַנע בליקן;
אין זיי אַזאַ מין מילכיקײַט סע רינט,
ווי קיינמאָל וואָלט בא אים ניט אויסגעטריקנט
אין אויגן פּײַכטלעכע דאָס קינד.
און אינע הערט ניט אויף אין זיך צו שפּירן,
אַז זי, די טאָכטער, דאַרף דעם טאַטן גאָר געבירן
(אָ, ווי פאַרקערט געוואָרן איז די וועלט!).
נאָר אָפּט אַזאַ מין קנויל אין האַלדז זיך שטעלט,
אַזאַ מין טויהו נעמט אין הארצן נאָגן,
פּונקט ווי זי וואָלט א קינד א טויטס געטראָגן

און מוז א מעס געבוירן גאָר אצינד.
„ער? א מעס?! צי האָט זי ניט באשטימט
אין וואלד אריַין דעם טאטן אירן נעמען.
ס׳איז סאמע ציַיט... וואָס ווארט זי נאָך?.. אפ וועמען?..״

א פּארטיזאן מוז אויסרעכענען אלץ.
איר שטייט דער שניי איצט ווי א ביין אין האלדז,
דער שניי פון לעצטע ווינטערדיקע טעג
פארלויפט איר ווי א פלינקע קאץ דעם וועג
און כאפּט פון אונטער פיס ארויס די שפורן
און פלעכט פון זיי פארעטער׳שע פיגורן.
„יאָ, ווי א שליסל ווערט דיַין יעדער טראָט
אין וואלד אריַין, אפ דיך אליין פאראטן,
און אפן אָרט פון ראטעווען דעם טאטן
וועסטו גאָר ברענגען סאָנים פון דער שטאָט.״

שפּעטלעך קומט אין וואלד דער כוידעש מארט.
זי האָט די אויגן אויסגעקוקט, געווארט,
און ווער סע קוקט אזוי ווי זי, קען שפּירן,
ווי ס׳נעמט דער שניי פון זיך אליין זיך רירן.
פון בלוי ער ווערט שוין גרוי, פון גרוילעך — געל,
שוין שיילן אויס פון אים זיך שווארצע פלעקן
(א סימען, אז אָט-אָט וועט ער זיך עקן).
איצט ליגט ער ווי א לעמפּערטענע פעל,
וואָס וועט זיך באלד שוין טאָן א הייב, א גיי,
און וועט פון אונדז די ווינטער-ציַיט פארטראָגן,
נאָר וועגן אים דערוויַיל זי קאָן ניט זאָגן:
„איך הער אים, ווי פאר׳יאָרעדיקן שניי.״

ג. אינע און מאטעסל

אינע, ליובעלע, מײַן אינע,
און ווען אפילע אלע שטערנדלעך פון הימל
אין דיר פארגייען שוין, וואָלסטו דען אײַנגעדרימלט,
וואָלסטו א מאָקעם דען פון רו אין זיך געפינען?
— פארוואָס זשע פאלט דיר אפ דער ברוסט דײַן קרוין — דײַן קאָפּ,
ווערסטו דאָך אלצײַנס באַם הארצ ניט אויסזוכן קיין שאָלעם,
און וואָס זשע לאָזטו דײַנע אויגן מיד אראָפּ,
ווי קען זיך כאָלעמען גאָר דיר א שווערער כאָלעם?
די הענט, ווי צווענגעס, האָבן אײַנגעקלעמט דײַן מויעך,
ווי דו וואָלסט רײַסן א געדאנק פון דאָרט מיט קויעך,
נאָר דיר פון קאָפּ ארויסצורײַסן א געדאנק
איז ווי א מאלבעש פון א ברענענדיקן שראנק,
וואָס האָט געהעלט, פארפולט מיט פרויען-לײַב מיט הוילן,
און איצט איז עס נאָר טשאד און קויל און קנוילן.

ס'איז אזוי פינצטער אפן הארצן אינען,
אז ניט באמערקט האָט זי, ווי ס'ציטערט דער באגינען
און לויפט אין בערג, ווי עפּעס אייגנס צו געפינען,
און יאָגט, באגלייט מיט בלויע רויכלעך ארום,
ווי גלײַך ער ווערט פארברענט פון בענקען נאָך דער זון.

אָ, ווי זי וואָלט אצינד געוואָלט פון הארצן
אראָפּוואָרפן דעם שווערן בארג דעם שווארצן,
און ווידער זיך דערזען אין טאטנס טאָל.
דאָרט טראָגט נאָך אלץ דער גאָרטן ווי אמאָל
איר העמדעלע אף זייַנע ווייַסע צווייַגן,
נאָר זי וועט מער צו דעם שוין ניט דערשטייַגן,
און מער וועט זיך א קינדערישס איר קאָל
אף שטאמען שוין ניט דראפּען צו די רוימען,
ניט זוכן וועט דער טאטע זי אין קרוינען,
אָ, זייַן קינד! זי וואָלט שוין איצט, פארקערט,
דעם טאטן אויך געזוכט אונטער דער ערד!
און פּונקט ווי ס'וואָלט דער וואלד באוויזן אינען,
ווי אויסגעזען וואָלט זי איצט אין באגינען,
ווען ס'קערט זיך פּלוצעם אום איר קינדער-וועלט,
האָט מאטעס זיך פאר איר אוועקגעשטעלט.

מאטעס: א גוטן אופשטאנד!
אינע: דעם, וואָס איז געשלאָפן.
מאטעס: און דו? אין וואלד נאָך ווען אומגעלאָפן?
אינע: אין שלאָף כ'בין הייַנט געווען אין טאטנס סאָד.
מאטעס: קום, לאָמיר נעמען ליפּען אין די וועלדער.
ניין, בלייַב. איך וועל אוועק דורך פּוסטע פעלדער
און ברענגען אים, דייַן טאטן, פון דער שטאָט.
אינע: דו ווייסט דעם וועג!
מאטעסל: כ'האָב הינטלעך אין דער נאָז.

ס'האָט מאטעס זיך אין וועג אוועקגעלאָזט.
נאָך לאנג האָט זי אים נאָכגעקוקט, ווי לאנג,

כאָטש אינ א וואלד ווערט גיכ א מענטש פארשווונדנ,
ס'האָט זי א בענקשאפט אָנגעכאפט, ווי מיט א צוואנג,
זי האָט מיט גאנצנ הארצ זיכ צוגעבונדנ
צו אלע בענדעלעכ פונ זײַנ צעריסנ העמד,
ווי גלײַכ מיט זיי וואָלט זי די גרויסע ווונדנ
פונ אָט דער שווערער צײַט פארבינטעווענ געקענט.

1946–47

סאָנעטן וועגן פרוכטיקער ליבע

ווי אַ פֿײַערע אונטער בלאַט

דאָס גרינע קלייד רוישט אַלץ מיר, ווי אַ רעגן,
אַליין דער פרילינג האָט עס אויפגענייט פון גראָזן
און אָנגעקליידט דײַן לײַב, ווי אַ קאַיאַר אַ ראָזן,
און ס׳איז דײַן יוגנט מיר ארויסגעגאַנגען אנטקעגן.

דײַן יוגנט האָט מיר אויסגעבלימלט מײַנע וועגן,
אָ, שיינע טאָכטער פון דער ערד מיט האָר צעלאָזן,
ווי זאַנגען גאָלדענע פון ווינט־הויך דורכגעבלאָזן,
וואָס זײַנען גרייט אונטער דעם סערפּ זיך שוין צו לייגן.

דאָס גרינע קלייד, וואָס האָט אין זיך אַ רויש אַ זיסן,
דײַן לײַב עס פלעגט אַמאָל דיר צניעסדיק פאַרדעקן,
נאָר דער פאַרליבטער ווינט, וואָס וויל פון גאָרניט וויסן,

וואָס טראָגט אין זיך צעגליטע קערנער פון אווייירעס,
ער האָט יענץ קלייד דיר פונעם לײַב אראָפּגעריסן
און האָט אַנטפּלעקט פאַר מיר דעם גנאָד פון דײַנע פֿײַערס.

1941

דער טײַך פֿאַרכלינעט זיך

דער טײַך פֿאַרכלינעט זיך מיט דיר, מיט דײַנע לוסטן,
ער לויפֿט דיר נאָך און שענקט דיר װעלן, װי קאַרעלן,
באַ ברעגן היימישע, װוּ דו ביסט מיר געפֿעלן,
מיך ציט צו דיר, װי צו אַ יאַם אַן אומבאַװוּסטן.

דו ביסט מײַן לײַכט-טורעם, װאָס װינקט צו מיר דורך גלוסטן,
און אויך מײַן שיפֿעלע אַפֿ אונטערװאַסער-שװעלן.
אָ, זאָג, װוּ הייבן אָן אין טײַך זיך זײַנע װעלן,
און זאָג, װוּ ענדיקן אין טײַך זיך דײַנע ברוסטן.

איך שווים דיר נאָך, און דו — דו פֿירסט מיך, װי אַ שטערן,
און אויך אין טײַך מיר האַלטן ביידע אין איין פֿלאַמען,
אָ, לאָמיר אָפּשווימען אַ װעלט מיט דיר צוזאַמען,

זיך װי אַ כוואַליע מיט אַ כוואַליע אָנצוקערן.
און װי אַ שטערן װײַזטו אָן די טיף אין יאַמען,
אַז טיף, אָנבערעגיק זאָל מײַן ליבע צו דיר װערן.

1941

דאָס דריטע פײַער

א צוגעבונדענער צו דיר, בין איך נאָך פרײַער,
דו ביסט מיר קײנמאָל ניט קײן איבעריקע לאסט,
איך קום צו דיר ניט ווי קײן אָוונטיקער גאסט
אפ אויסצונארן בא דײַן לײַב א טראָפּן פײַער.

מײַן טאָג פארגאנגענער — ער ווערט דיר נאָך געטרײַער,
מײַן בליק איז זאָרגפול, טיף אין דײַנעם אײַנגעפאסט,
ווי גלײַך צוויי פײַערן מיר האָבן זיך פארקנאסט,
אין דיר מײַן וועלט האָט זיך צעהעלט אומענדלעך, טײַער.

דאָס דריטע פײַער צווישן מיר און דיר שוין בלענדט,
מיר האָבן ביידע עס אין ליבשאפט אָנגעצונדן,
און דורך דײַן מוטערטראכט אין אײביקײט פארבונדן,

דאָס קינד שוין ווארעמט מײַנע פאָטערלעכע הענט.
דאָס וואקסט דער בוים, וואָס ברענט און ווערט דאָ ניט פארברענט,
אויך ווען מיר ווערן אונטער אים ווי אש פארשוווּנדן.

1941

דאָס שוועלבעלע פונ זײַנ

מײַנ הארצ, מיר הײבנ אָנ מיט דיר צו ליבנ דאנ,
ווענ עס פארשטעלנ ניט די כמארעס אונדז דעמ רוימ,
ווענ עס פארשטעלנ ניט די בלעטער אונדז דעמ בוימ,
ווענ עס פארשטעלנ ניט די וועלנ אונדז דעמ יאמ.

ס'האָט מײַנ געליבטע אינ איר לײַב א הויכנ פלאמ,
וואָס לאָזט ניט אויסקילנ אינ הימלענ זיכ מײַנ טרוימ,
וואָס טראָגט די ווארעמקײַט פונ ערדנ צו מײַנ קרוינ
אונ וואָס באשײַנט מיט צווײַגנ אײביקע מײַנ שטאמ.

מיר אופגעשלאָסנ האָט מײַנ ליבע איר געצעלט,
איר פענצטער אָפנ איז פאר שוועלבעלעכ פונ זײַנ,
אונ אפ איר שוועל שוינ שטײט די מוטערלעכע פײַנ,

אונ בײדע בעטנ מיר מיט הערצער אופגעשטעלט:
„קומ, ערשטלינג צארטער, גײ אינ לעבנ אונדז ארײַנ,
אז אונדזער ליבשאפט זאָל ארײַנגײנ אינ דער וועלט.״

1941

צווישן דער פּלייט און דעם קאַנאָן

דורך בלאָנדן קראַנץ, געפלאָכטענעם פון לאָקן,
אַ שטיל געזאַנג צום אויער דײַנעם גרייכט שוין זעלטן,
פאַרלאָרן האָסט די פלייט פון זינגענדיקע וועלטן,
צערודערט גוואַלדעוועץ איצט נאָר די שטורעם־גלאָקן.

און אַלע נאַכט דערטראָגט דער ווינט צו דיר דערשראָקן
אַ שאָרך פון ליפּן בלאַס־פאַרטריקנטע, וואָס שעלטן,
אַ שלוכץ פון היימלאָזע, פאַרקאָוועטע אין קעלטן,
אַ שטויב אַ רוישיקן פון פאַלנדיקע שטאָקן.

און ווי אַ פידעלע צעבראָכן ווערט דײַן פּאָנעם,
וואָס האָט געשפּילט פאַר מיר, ווי זומער אַ באַגינען,
איך וואָלט מיט לידער אויסגעהיילט דײַן טרויער־מינע,

דאָס שענסטע דיר פאַרגינען, ווען כ׳וואָלט קאָנען,
נאָר מיר באַשערט איז איצט די פלייט צוריק געפינען
אין לאַנגע אויסגעשטרעקטע העלדזער פון קאַנאָנען.

1942

דער הייסער פּאָדעמ

איינ הייסער פּאָדעמ האָט געקניפּט אונדז אונ געבונדנ,
ווער האָט דעמ לעבעדיקנ שנור איבערגעשאָכטנ,
ווער האָט א שטריק פונ אימ א גרויענ אויסגעפלאָכטנ
אפ צו פארציִענ דיר דײַנ האלדז דײַנ ערדיש-רונדנ?

ווו ביסטו, טײַערע, וווהינ ביסטו פארשווונדנ,
צי לעבסטו דאָרטנ אונטער הימל דעמ פארזאָכטנ,
צי טראָגסט איינ וואלד זיך מיט אנ אָטעמ א צעפּאָכטנ,
צי האָט דײַנ פּאָנעמ זיך באמ צאָרנ אָנגעצונדנ?

דײַנ ברוסט געוועזנ איז ווײַנ איינ צווייענדיקנ בעכער,
וואָס האָט געבענקט נאָך שטײַפע ליפּעלעך פונ קינדער,
צי דעג האָט אויסגעזשליאָקעט דיך דער הויטנ-שינדער?

אָ, ניינ, די ווײַנטרויבנ פונ ליבע וואקסנ העכער!
טאָ פיר מיך, ליבע, מיט די בערג צו וואָלקנ-הייכנ,
איך זאָל צומ פײַנט ווי גלײַך א דונער-שלאָג דערגרייכנ.

1942

אין די נעגל פון א שפּארבער

אָט שטרעקט דער הימל אויס א קרומענ שווארצנ נאָגל —
דאָס שנייַדט א שפּארבער זיך ארייַנ אינ א לעוואדע
אונ רויבט א ציגעלע א קלאָר-ווייַס בא דער סטאדע,
אונ ס׳שיט זיך וואָל, ווי ווייַנשל-צוויט אונטער א האָגל.

אפּ פרעמדע פליגל שוועבט דאָס ציגעלע פארוואָגלט,
אונ פּיסלעכ הוידענ אינ דער הייך זיך נאוועגאדע,
אונ נאָר זייַנ פעל וועט זיך שוינ אומקערנ אוואדע,
ווי א צעריסענער אונ אויסגעזויפּטער לאָגל.

אזוי בא דיר, אָ, יונגע פרוי, האָט אינ פרימאָרגנ
דער ברוינער ווורדאלאק דאָס קינד ארויסגעריסנ,
אינ בלויע אָדערלעכ די ציינ ארייַנגעביסנ.

אָ, ניינ, דייַנ צאר איז ניט צו היילנ מיט קיינ זאָרגנ,
אינ גרויסער ליבע גרויסער צאָרנ איז פארבאָרגנ,
אונ אונדזער הארצ איז אָפנ. אימ שוינ אויסצוגיסנ.

1942

דער שטיין פון מײַן היים

דער שטיין פון אונדזער היים איז ווייך פאר מײַנע טריט,
מײַן ערשטער שפאַן אַף זײַנע פלייצעס ווערט געבאָרן,
מײַן לעצטער אָטעם ווערט אונטער זײַן ברוסט פארלאָרן,
און ער האקט אויס פון זיך א דענקמאָל מײַן געמיט.

און יעדן וועג מײַנעם צו אים, צו אים נאָר ציט,
דער קלאנג פון היים מיך רופט פונוויַיטן ווי א האָרן,
און אונטער שטיין מײַן ליפּ טאפּט אָן א קוואל א קלאָרן,
מיר שמעקט דאָס זאמד אַף אים ווי שטויבעלעך פון צוויט.

דו, פעטטער שטיין, מײַן עלטער-זיידעשי, מײַן גרײַז,
אויך פאר מײַן אייניקל דו טראָגסט שוין פונקענווײַז
דאָס היימלעך פײַערל, די ווארעם פון געצעלט.

דו — מײַן געלעגער נאָך אונטער בערײשיס-הימל,
מײַן הארץ האָט דעמלט שוין דערפילט אין טיפן דרימל,
אז דו שפּארסט אונטער מיר דעם אָנהייב פון מײַן וועלט.

1944

מיט לײַב און אײַזן

אין אײנעם א קאיאָר פון שפּעטן הארבסט,
ווען בלעטער רויט אפ צווײַגן שוין דערברענען,
האָט לאנג אין אש געפּאָרפּלט זיך מײַן הארץ
און ניט געקענט דיך, אלטער שטיין, דערקענען.

אײן זײַט איז דיר אין פלאם געוואָרן שווארץ,
די צווייטע — גרין, פון מאָך ארומגענומען,
די דריטע — ברוין פון מענטשלעכע בלוט פארדארטס,
פון בלוט פארדארטס! ווער ווייסט, ווער ווייסט פון וועמען?

וואָס שווײַגסטו, שטיין? פאר מיר האָסטו דאָך רייד,
ביסט דאָך פאר מיר א ווינקלשטיין אין טורעם.
אין דיר — דער פונק, אין לײַב מײַנעם — דער שטורעם,

און אלץ איז גרייט אפ אָנצוצינדן פרייד,
נאָר צורירן דעם האמער שטילערהייט —
און רויע וועלטן גארן נאָכן פורעם.

1944

אין רעכטן וועג

אין רעכטן וועג פיר דו, מײַן הארץ, מיך פאר דער האנט —
דורך שטעטלעך כאָרעווע, ווי וויסטע נעכט געווערן,
דורך דערנער אָנגעשטעלט, ווי הערנער צו די שטערן,
דורך דערפער, פעלדער אָנגעצונדענע אין בראנד,

דורך ווילדע ווינטן, אָנגעלאָדענע מיט זאמד,
וואָס שטעכן אויס דאָס אויג און ברענען אויס די טרערן,
דורך זומפ, ווו עגדעשן מיט אָדלערס זיך דערנערן,
דורך טאָל, ווו ליבע איז דערנידעריקט צו שאנד,

דורך גענעם-אויוונס און ברוין-העמדלדיקן סאָטן,
דורך ווענט באנעגלטע מיט שטעכנדיקע דראָטן —
גיי שטאָלץ, מײַן הארץ, און לאָז די האנט מיר ניט ארויס,

מײַן האנט מיט דײַנע בלוטן זאָלסטו בענטשן,
מיט דײַנע פײַערן דעם וועג זי רייניקט אויס,
וואָס ליגט פֿאָרויס און פירט צוריק, צוריק צום מענטשן.

1943

ווער נעלעמ, בייזער גײַסט

דער בייזער גײַסט געוואָלט האָט אײַנקריצנ אינ זינ,
אז ס׳איז די גאנצע וועלט ניט מערער ווי א מומ,
אז ס׳איז די גאנצע ערד ניט מערער ווי א טכומ,
אז ס׳ליגט אינ ווינקעלע פונ יעדנ הארצ א שפּינ,

אז נאָר פונ גאל עס זײַנענ אלע בלעטער גרינ,
אז אלע ביימער זײַנענ קוליעס אינ ארומ,
אז יעדער בארג איז נאָר א האָרב אונטער דער זונ,
אז נאָר אינ בוינעס ווערט געפּורפּורט דער באגינ.

ווער נעלעמ, בייזער גײַסט, דײַנ וואָרט איז טויט אונ פּראָסט,
אונ אפ דעמ שטאָל פונ העלדנמוט ווילסט ווערנ ראָסט,
נאָר ס׳האָט די האָפענונג אינ מיר ניט אָפּגעגרינט,

נאָכ דארפ געבוירנ מײַנ געליבטע מיר א קינד,
אז איכ זאָל זײַנ מיט יעדער גרעזעלע פארקנאסט,
אז ווערנ זאָל די גאנצע וועלט מײַנ הויזגעזינד.

1944

א מאַלצײַט בא דער ערד

ווײַנגערטנער

אין ענדע זומער גיסט דער באַרג אַרײַן
אין ווײַנגערטנער די שײנקײַט פון זײַן קראַפט,
און טרויבן רײַך פאַרשפּינען זיך מיט לעצטן גאָלד פון שטראַלן,
און טרויבן שווער פאַרכלינען זיך מיט אַ געשמאַקער זאַפט,
ווי רונד־געשלײַפטע גרינבלעכע באָקאַלן.

פאַרטאָג. פון לאָדן קוקן שויבן שטאַר אַרויס,
ווי דורך די ראָזע לעפּלעך אויגן בלויע,
די טירן סקריפּען אַ „גוט־מאָרגן" אויס,
אַ שטעטל לאָזט דעם שלאָף און באָדט זיך אויס אין טויען.

דאַן גייען גערטנער וואַך, און מעסערס וויגן זיך מיט בלענד,
דאָס ווערט אַ בלאַנקער זומער־טאָג צו ווײַנגערטנער געטראָגן.
און ס'דאַכט, עס האָט אין הענט באַ זיי די שניט־צײַט זיך צעברענט,
און ס'דאַכט, אַז יעדער זייער טראָט וואָלט זיי ווי אונטערייאָגן.

מע גייט... אַף יונגע פּענעמער — אַ ליכטיק־בלאָנדער פוך,
און פּענעמער געדונצלטע פון שוואַרצע בערד זיך שיילן.
אַנטקעגן גייט דער באַרג מיט אַזאַ ווײַניקן גערוך,
אַף מיידלעך פליגלען אויף זיך די געקווייטלטע פּאַטשיילעס.

מע גייט. א קילער טאָל, א היימיש-מורמלענדיקער טײַך.
מע גייט מיט קעפּ פארהויבענע צום לויטער פון דעם הימל,
און מע פארלירט פון אויגן-זעקלעך שאָטנס פון דער נאכט,
און מע פארלירט פון אויגן-זעקלעך לעצטע בינטלעך דרימל.

דער טײַך פארקערעוועט צום פעלד, פונווײַטנס קומען בערג,
און סאָנעשניקעס לויפן נאָך דער זון, ווי געלע הינטלעך,
א יעדער סאָנעשניק מיט געלע צוואנציק צונגען אויסגעשטרעקט,
מיט צונגען גרייטע אויסצולעקן טויִקײַט פון ווינטלעך.

מע גייט. און נאָענט קוקט דער בארג ארויס מיט שיכטן ליים,
מיט ברוינעם שטיין, מיט טונקל-גרינע שטיינערדיקע הארטן.
מע קלעטערט, און עס קײַקלט זיך א שטיינדל נאָך א שטיין,
מע קוקט ארוף, אף הויכן בארג די ווײַנגערטענער ווארטן.

מיט קעפּלעך צו די סטויפּיקלעך די קוסטן טוליען זיך
און האלטן זיך מיט צווײַגלעך, ווי מיט הענטלעך, פאר די דראָטן,
א גאנצע נאכט געבענקט זיי האָבן נאָך פרימאָרגן-ליכט,
א גאנצע נאכט געקילט האָט זיי א זומערדיקער שאָטן.

און אז געקומען איז דער פרי מיט שטראלנדיקן ברען,
און אז געקומען זײַנען יידן מיט א קרעפטיקײַט אין ברוסטן,
איז שורשען א „גוט-מאָרגן" קוסטן צו די צוגעווירנטע הענט,
איז שאָקלען .א „גוט-יאָר אײַך" יידן צו די אלט-באקאנטע קוסטן.

און מעסערס שארפע גייען אין א פינקלענדיקן טאנץ,
און ווארפן זיך אף רעכטס, אף לינקס, פון אונטן און פון אויבן,

און פון די קלעפּעדיקע הענט אַ קראַנץ פאַלט נאָך אַ קראַנץ,
און קוישן טיף געפלאָכטענע זיי שלינגען איַין די טרויבן.

אָט שפּאַנט אַ ייִד — אַ טאָפּאָל אָנגעבויגן אונטער ווינט,
און פיס, ווי וואָרצלען גייענדיקע, רודערן די גרונטן,
אין קנייטשן פון זיַין שטערן, ווי אין רינוועס, שוויס צערינט,
דערקוויקט ער זיך, ווען ס'קילן אים פרימאָרגנדיקע ווינטן.

אַ צווייטער שמייכלט מיט אַ בינטל קנייטשן באַ דעם אויג,
צעקוועטשט אַ וויַינטרויב, שפּריצט דער זאַפט מיט פרישקיַיט
אים אין פּאָנעם,
און שפּיציק גיבן קערנדלעך מיט גיַיווע זיך אַ בייג,
ווי איינער רעדט: מיר וועלן ערשט איַיך וויַיזן, וואָס מיר קאָנען.

אַ מיידל גליַיכט זיך אויס. אָ, אירע ליפּן — הוילער וויַין,
אַנטקעגן איר — אַ יאַט מיט אויגן — דאָרשטנדיקע בעכער.
עס גיט איר מעסער אַפּ אַ קוסט אַ ציטעריקן שיַין,
זי כאַפּט אַ קראַנץ. ווי שיין ער איז. זי הייבט אים העכער, העכער.

נו, זאָל אַ טרויב אַ פאַל טאָן איצט אַפּ איר צעשטראַלטן קאָפּ,
נו, זאָל איר אויג זיך איַינפלעכטן אין אָט דעם קרענצל טרויבן,
נאָר עס פאַלט ניט אַפּ איר קאָפּ קיין שווערע טרויב אַראָפּ,
און וואַרטנדיק עס בליַיבט איר בליק צום פולן קראַנץ פאַרהויבן.

אָהאָ, אַזעלכע שיינע קרענץ עס פּאַסטן פאַר איר היים,
אָהאָ, אַזעלכע שיינע קרענץ איז ליב דעם לאַנד צו שענקען.
זי קוקט צום יאַט. די זון האָט אָפּגעגאָסן אים מיט כיין,
ער קוקט אַפּ איר, ווי יוגנט וואָלט נאָך יוגנט זיך פאַרבענקען.

און ווײַטער גייען מעסערס אום א פינקלענדיקן טאנץ,
און יידן מעכטיק בייגן זיך, און קוסטן וױשן, רױשן,
ביז אין די מעסערס שפיגלט אָפּ זיך רויטער אָוונט־גלאנץ,
ביז אָנגעזעטיקט ווערן זיי מיט ווײַנטרויבן, די קוישן.

מע גייט. שוין אָנגעגאָסן איז מיט דעמערן דער טאָל.
מע גייט. שוין אָנגעגאָסן איז דער טײַך מיט שטראָמען אָוונט.
א שטעטל ווארט: צי הערט מען דאָרט פונווײַטן ניט קיין קאָל?
א שטעטל ווארט: עס הילכן טריט. זיי זײַנען נאָענט, נאָענט.

אין ענדע זומער גיסט דער בארג ארײַן
אין ווײַנגערטנער די שיינקייט פון זײַן קראפט,
און טרויבן רײַך פארשפינען זיך מיט לעצטן גאָלד פון שטראלן,
און טרויבן שווער פארכלינען זיך מיט לעבעדיקן זאפט.

דער יעגער

עס קומט א טאָג, ווען בלעטער גיבן קרעפטיק-יונג א ציטער
און ליכטיק-גרינע אָדערן שוינ ווערן אָנגעקוואָלן,
דאָס גייען וואָרצלען, ווי די טשערעדעס, אוועק אפ זאטנ פיטער
פונ הויכע בארג-שיכטנ צומ נידער פונ די טאָלנ
אפ אויסטרינקענ פונ ערד-טיפנ די טויִקע קרישטאָלנ.

און שטאמענ העל באגיסנ זיכ מיט טראָפּנס קליי, וואָס שײַנענ
מיט פײַכטנ שמעקנדיקנ גאָלד, מיט איבערגוס פונ בלויענ.
און ס'גייט אוועק דער וועלדער-וווּקס אפ ראכוועסנ פונ פליינענ,
און ס'גייט אוועק דער וועלדער-וווּקס אפ בייגיקע שיפּוִימ.

עס גלוסט זיכ דאנ אפ העכסטנ בארג מיט הארצ דאָ טאָנ א קלעטער,
ארײַנשליגגענ די וועלדערס גרייס אינ דאָרשטנדיקע אויגנ.
איצט טריליענ זייער לעבנ אויס ווי פויגלענ גרינע בלעטער,
איצט בליִענ ווי די בלעטער אופ די זינגענדיקע פויגלענ.

דאָס לעבנ קײַקלט פארביק זיכ אפ גראָזיקנ געלעגער
און שפּרינגט ארומ מיט פיסלעכ פיר און פאָכעט דרייסט מיט פליגלענ.
דאנ גייט אוועק אינ וואלד ארײַנ דער אלט-געניטער יעגער
מיט בלײַ פונ קײַלעכיקנ שרויט זיכ קריגנ און באזיגנ.

ער שפאנט אינ שטיוול, וואָס דערגייענ העכער פונ די קניענ,
אינ בלוילעכנ פידזשאק, פארגארטלט מיט א פאס א ברוינעמ.
און די צוויירערנדיקע ביקס אפ אקסלענ וויל ניט רוענ,
און די צוויירערנדיקע ביקס זי קוקט: „איכ וועל ניט שוינענ.״

ער קומט, ווענ פונ דער ערד זיכ הייבט די זונ-שײַנ צו די קרוינענ,
ווי גלײַכ א טערפקע זאפט וואָלט זיכ פונ וואָרצלענ אויסגעגאָסנ,
ווי גלײַכ א פרישע זאפט וואָלט זיכ צעפליוסקעט אינ די רוימענ,
זיכ אויסגעמישט, זיכ אויסגעפרישט אינ בליצנדיקער ראָסע.

ער הערט איצט, ווי זי רוישט, די ערד, א ווינטל נעמט זיכ שטײַגנ,
צוויי בלעטער לייגנ זיכ צונויפ, אזוי ווי הענט אינ דלאָניעס,
צוויי קרוינענ ארעמענ זיכ צארט מיט קרייצנדיקע צווײַגנ.
ער פילט, ער שפירט דאָס וואלד-לעבנ אינ זיכ, ווי גוט ער קאָנ עס!

דאָס ליכט אינ אימ עס ציטערט אופ, אינ אימ איז דער באגינענ,
א פלייט א ווייכ באפעדערטע — דער סאָלאָוויי אפ צווײַגנ,
און זשומזשע-דיקע שטיקלעכ פרייד — די פליענדיקע בינענ.
ער בעט דאָס הארצ, ס'זאָל ווערנ שטיל, איז וויל די ביקס ניט שווײַגנ.

זי גיט א קנאל, עס גיט א שאל מיט הונדערטער טראָמפייטנ,
א רויטלעכ-ברוינער וועווריק גיט א פאל אראָפ צו גרונטנ,
א פיקהאָלצ קלאפט, א פיקהאָלצ נעמט די פליגלענ זײַנע שפרייטנ,
עס פײַפט פונ אויבנ דינ די לופט, עס רוישט דאָס גראָז פונ אונטנ.

דער אומרו גייט ארומ אינ וואלד, דער יעגער שטייט צערודערט,
ביז ער דערזעט, עס לויפט מיט שטאָלצ זײַנ הונט זײַנ געל-געפלעקטער,

און דורך דער פעל זיך בייגן שטײַפֿ, זיך שפּילן שלאַנק די גלידער,
און מיט אַ פֿליגל איז די שמאָלע מאָרדע אַ פֿאַרדעקטע.

עס האַלט דער הונט אַ טעטער באַ דעם פֿליגל צווישן ציינער,
אַ צווייטער פֿליגל בייגט זיך אויס מיט פֿעדערן צו גראָזן,
אויף צווייטן פֿליגל ליגט דער קאָפּ פֿאַרבלוטיקט און פֿאַרשטיינערט,
אַ רויטע סטעזשקע האָט דער הונט אויף גרינער ערד געלאָזן.

און ווידער קומט די רו צום וואַלד, עס זינגען סאָלאָווייען,
עס קלינגען פּענאַטשקעס. אים דוכט, אויף ביימער הענגען גלעקלעך,
דער יעגער מיט דעם הונט שווינד אַזוי פּאָרזיכטיק איצט גייען,
זיי ווילן מער די רויִקייט די פֿרידלעכע ניט וועקן.

דער יעגער שפּאַנט. אַנטקעגן קומען מעכטיקע די דעמבעס.
מיט ערנסט גיט אַ ווײַ פֿון זייער דיקער טונק'לער קאָרע.
„מיר זײַנען דאָ די ברוסט פֿון וואַלד — זיי רוישן מיט די געמבעס —
מיר וועלן אים פֿאַרלענגערן, דעם וואַלד, אויף לאַנג די יאָרן.“

דער יעגער שפּאַנט. באַ זײַטן בייגן שלאַנק זיך די אָסינעס
מיט זילבעריקע צווײַגעלעך, וואָס ביטערלעך נאָך שמעקן,
און אונטער פֿיס זיך פּלאָנטערן די בעזעמלעך פֿאָלינע,
די שוואָמען בייגן קעפּלעך, ווי זיי וואָלטן זיך דערשרעקן.

צי שפּילן ווייכע סמיטשיקעס אויף סטרונעס פֿון די פֿידלען
איצט אויס אַ ליד פֿון בענקשאַפֿט, אַ מאָטיוו אַ שטילן, צאַרטן?
ער פֿילט, אַ העלע וואָרעמקייט צעגייט זיך אין די גלידער,
ער פֿילט, אים האָט אַ כאַפּ געטאָן מיט צווענגעלעך באַם האַרצן.

אָ, ניין, דאָס זינגען שטאַמען, ווו די זאַפטן מילכיק בלאָנקען,
דאָס זינגען זיי די ליד פון ווקס; וואָס גייט צום שפּיץ פון טאַנען,
און קיילעכיק צעשפּרייט זיך פאַר דעם יעגער איצט אַ לאָנקע,
און ס׳קען אַזאַ מין לאָנקע אי דערציילן אי דערמאָנען.

אַף אַלטן שטאַם ער זעצט, דער אַלטער יעגער, זיך אַנידער.
וואָס ווייסט אַזאַ מין לאָנקע? אָ, זי קאָן אַ סאַך דערציילן.
פאַרמאַך די אויגן. גייט אַ פראָסט פון באַרג־שפּיצן צום נידער.
פון שוואַרצע נעפּלען הייבט זיך אָן אַ וויַיטער ווייטעק שיילן.

יאַנוואַר. באַנאַכט. די ווינטן רעווען, קאַלטע ווינטן ווייען,
צי קרעכצן ערגעץ אין דעם פעלד פאַרפרוירענע געשפּענסטער?
דער ווינט מיט לאַפּעס הינטערשטע צערויעט ווילד די שנייען,
דער ווינט מיט לאַפּעס פאָדערשטע צעטרייסלט ביז די פענצטער.

אַרויס פון שטוב. אַ וויַיסער פראָסט האָט אים מיט שניי פאַרוואָרפן,
און בייז האָבן די ווינטן זיך געהריזעט בא די העלדזער,
און ס׳קראַכט אַ דעמב, און ס׳שריַיט אַ דעמב, אַ דעמב
ווערט אומגעוואָרפן,
געזעגנט ער זיך, פאַלנדיק, מיט זיַינע ליבע וועלדער.

אַ בראָך אַ בוים, און נאָך אַ בוים, אַ בוים ווי ניט געוועזן,
אַ קנאַל אַ צוויַיג, אַ פאַל אַ צוויַיג, דער דעמב וועט
מער ניט שריַיען.
און ס׳פּלאַצט די לופט, אַף שטיינער, דוכט זיך, ברעכן
זיך איצט גלעזער.
און שנייען פרירן, וועלף דאָ קרירן, וועלף אין וועלדער הויַען.

און אָט צעשפּרייט זיך רונד אַ לאָנקע, שיַינט מיט זילבער־פּוכן.
צי איז דאָ אַ לעוואָנע אין דעם וואַלד אַראָפּגעפאַלן

און האָט געגומענע זויבערן די קאַלטע זאווערוכעס
מיט ליכטיק-שימערירנדע, מיט בלענדיק-שאַרפע שטראַלן?

ער ליגט אוועק זיך לעם א שטאַם, א לעצטער שרויט אין רערן.
ער זעט, ווי אַף דער לאַנקע זיצט א וואָלף אין סאַמע מיטן,
דער וואָלף האָט מיט די אויגן, ווי מיט שטיקלעך גרינע שטערן,
אין דער הייך אין פּראָסטיקער פאַרשרויפט זיך און פאַרשניטן.

די האָר, ווי נאָדלען, האָט ער גרוי אין לופט אַרײַנגעשטאָכן,
און הונגעריקע ציינ האָבן אין שניי-טוי זיך פאַרביסן.
א שאָס האָט מיט דער גאַנצער קראַפט די בלויקײַטן צעבראָכן,
דעם ווינט און די דערוואַרטעניש אַף פּיצעלעך צעריסן.

און ס'איז אוועק דער וואָלף איצט אַף דער לאַנקע מאַכן קרײַזן,
צו צירן מיט רובינענע רויט דעם בלוי-זילבער פון שנייען,
אַרויסטרײַבן פון פלייש זײַנעם די פלאַמיקײַט פון אײַזן,
אַרויסיאָגן דעם ווייטעק און אַרויסוואָיען די ווייען.

א שפּרונג עס גיט דער הונט אוועק, א הייב זיך גיט דער יעגער,
זיי ראַנגלען זיך אינדרײַען, און זיי ווילן זיך פאַרצוקן.
און ס'ציטערן די שנייען אויף צערודערט פון געשלעגן,
דער וואָלף — ער בײַסט, דער וואָלף — ער רײַסט, דער וואָלף —
ער איז מעשוגע.

און ס'ליגט דער הונט — א הוילע ווונד, צעריסן איז זײַן גאָרגל,
און ס'לאָזט דער וואָלף דעם יעגער דאָ א בלוטיקן, א בלאַסן,
ער לויפט, דער וואָלף, און ס'איז זײַן וואָי שוין הייזעריק דערוואָרגן,
ער לויפט, דער וואָלף, אין וועלדער אַף צעזייען מעשוגאַסן.

ער האָט געפּילט, דער יעגער, הייסן ווייטעק אין די ביינער:
ער איז דער איינזאַמקייטס אַ זון? אים הערט נאָר וויגע-ליאַרעם?
ער האָט אין קאָרע פון אַ דעמב פאַרביסן זיך מיט ציינער,
און ס'האָט דער שטאַם מיט אַלע צווייַגן אים אַרומגעאַרעמט.

ער האָט געדריקט אים צו דער ברוסט און האָט מיט אים געטייַנעט,
דער ווייטעק זייַנער האָט גערעדט, געצוקט האָבן די אַקסלען:
„ווי אין דער ערד, דער טיפער ערד, די שטייַפע וואָרצלען דייַנע,
אַזוי איז ער, דער וויי, אין מיר, אין פלייש אַרייַנגעוואַקסן"...

ער ציטערט אויף. די גרינע צווייַגן שפּילן אים ווי פידלען
אַ ליד פון בענקעניש און טרייסט, אַ ניגון זוניק-צאַרטן.
ער פילט, אַ וואַרעמקייַט פאַרפלייצט אים אַלע זייַנע גלידער,
ער פילט, אים האָט אַ כאַפּ געטאָן מיט צוועגנגעלעך באַם האַרצן.

צו זייַנע אויגן ציִען זיך צוויי קנייטשן פון דעם שטערן,
די קנייטשן טראָפּנס בענקעניש צו טיפע אויגן טראָגן.
אויב ס'האָט דער דעמב דעם ניט דערהערט, אים וועט אַ מענטש דערהערן,
אויב ס'האָט איין האַרץ דאָ ניט דערזאָגט, איז וועט אַ צווייטס דערזאָגן.

. . . .

. . . .

אָ, שטילקייַט פון די וועלדער, טראָגסט אַזויפיל שיינע רוישן,
אָ, רוישיקייַט פון ערדן, טראָגסט אַזויפל שיינע שטילקייַט.
מיר טראָגן אום די הערצער דאָ, ווי זומערדיקע קוישן,
און זאַמלען, גלייַך ווי יאַגעדעס, פון ערד צונויף די מילדקייַט.

און וואָס קאָן אין דעם וואַלד איצט מיטן יעגער דען ניט טייַנען?
אַ יעדעס גראָז, אַ ווינטל-בלאָז, אַ בוים, אַ קרוין, אַ קרייַטער.

די ערד איז רײַך מיט שפּײַזן, און די זון איז רײַך מיט שײַנען,
אין גאָלדן און אין בלױקײַט איז דער הימל װי א שײַטער.

צי קאָן דער אלטער דען דאָס ניט-דערזאָגטע ניט דערזאָגן,
זײַן װאָרט זאָל דורך דער װילדעניש פון װאלד צום מענטש זיך טראָגן:
ס'איז גוט מיר, װאָס עס קען מײַן הארץ דעם װײ אריבעריאָגן,
װאָס ס'קען מײַן קאָפּ די כמאריקע דערמאָנונגען צעשלאָגן,

און זען, װי מאָרגן װעט די ערד נאָך שענער, ייִנגער בּרױזן,
און הערן, װי די זאפטן װעלן מעכטיקער נאָך יאָגן,
און זען, װי זון װעט כאָװען צװישן גראָזן רױטע רױזן,
און פילן, װי זי װערט, די פרײד, פון מענטש צו מענטש דערטראָגן.

ער גײט אהײם. די זון זיך נעמט אף דער אָסינע זעצן,
אף די מעטאלן-גרינע בלעטער פאלן אירע שטראלן,
זײ פאלן אף די בלעטער, דוכט זיך, הילכיק, װי אף טעצער,
זײ שפּריצן טראָפּנס אף דעם גראָז, װי רױטע װאסערפאלן.

און שטאמען העל באגיסן זיך מיט טראָפּנס קלײ, װאָס שײַנען
מיט פײַכטן שמעקנדיקן גאָלד, מיט איבערגוס פון בלױען.
און װײַטער גײט דער װעלדער-װוּקס אף ראכװעסן פון פלײַנען,
און װײַטער גײט דער װעלדער-װוּקס אף בײגיקע שיפּוּים.

װײַל ס'קומט דער טאָג, װען בלעטער גיבן קרעפּטיק-יונג א ציטער,
און ליכטיק-גרינע אָדערן עס װערן אָנגעקװאָלן,
װײַל ס'גײען װאָרצלען, װי די טשערעדעס, אװעק אף זאטן פּיטער
פון הױכע בארג-שיכטן צום נידער פון די טאָלן
אף אױסטרינקען פון ערד-טיפן די טױיִקע קרישטאָלן.

מאָסקװע 1936

אין טאָל האָט געוויינט די בערעזע

ער איז געפאַלן מיטן פּאָנעם צו דעם מאָרגנשטערן,
אין ענדע פרילינג-נאַכט באַם ליכט פון מאָרגנשטערן,
און אין אַ שאָ, וואָס ס'קענ פאַרגינען זיך אוקרײַנע נאָר אַליין,
האָט ער דערפילט — אַ שטיק סאַהאַרע אין זײַן יינגלשן געביין,
וואָס פלאַקערט ביז צו זאַט פון די פאַרבאָרגנסטע צווײַ טרערן.

אַ קויל האָט אים געטאָן אַ שלײַדער צווישן ערד און הימל,
אַ שלײַדער אַפּ אַ באַרג אים צווישן ערד און הימל.
און ס'האָבן זיך די קוסטן אַפּ די באַרג-שפּיצן צעהעלט,
ער האָט צעשפּרייט די הענט — געוואָלט אַרומנעמען די וועלט
און איז געבליבן ליגן ווי אַ שווערע הליבע דרימל.

געלעגן אַפן באַרג אין כאַקי-קלייד אַפּ האַלב אַ טויטער,
מיט בלאַסקײַט פון געזיכט — אַפּ האַלב אַ טויטער —
און ס'האָט געדאַכט, אַז אויסגעהאַקט איצט האָט אַליין די שלאַכט
דעם טרויער פון לעוואָנעדיקן מאַרמאָר אין דער נאַכט,
פון מאַרמאָר גרינבלעכן געשפּריצט אין שפּרענקעלעך אין רויטע.

ס'איז לעבן אים די שווערד פון שייד אַפּ האַלב אַרויסגעפאַלן.
אַ סטענגע הוילע שלאַכט — פון שייד אַרויסגעפאַלן —

און האָט אַ קאַלטע בלויע שײַן געשפּיגלט אין איר שאַרף.
און אַלעמאָל האָט זי, די שווערד, געטאָן אַ פֿלינקן וואָרף
אויף פּאָנעם זײַנעם סנאָפּעס קאַלטע זילבערדיקע שטראַלן.

פֿאַרשווינגן זײַן געזיכט האָט, אַז עס ברענט אין זײַנע גלידער,
אַ זאַמדיק־פֿלאַקערדיקער מידבר לעכצט אין זײַנע גלידער,
און אויף די באַקן זײַנע — ווייכע פֿוכיק־בלאָנדע האָר,
ווי גרעזעלעך ווי גאָלדענע, אויף זײַנע אַכצן יאָר...
אין היציקע כאַלוימעס האָט זײַן גוף געטאָן אַ ציטער.

...אָט פֿויעט ער דאָס ברוינע פֿערד — דאָס פֿערד מיט אַ געווימל
טרינקט אויס געשמאַק אַ קאַלטע אַ דערפֿרישנדיקע וועל,
עס וויגט זיך אום דאָס וואַסער בײַ דער מאָרדע אַזוי העל,
און ס׳זשליאָקעט אויס דאָס פֿערד אַ שטיק פֿון פֿינקלענדיקן הימל...

און נאָך האָט זיך דורך היץ אים אויסגעוויזן...

אין אַ געקעסטלט טיכל שטייט זײַן מאַמע פֿונדערווײַטנס,
שטיל... מיט אַ ליימענע קריגעלע זי שטייט פֿונווײַטנס.
דאָס פֿולע קריגעלע דאָס גרינע ציטערט אין איר האַנט,
פֿון יעדן ציטער פֿליעסקעט זיך דאָס וואַסער בײַ דעם ראַנד:
„ליבע, גיב אַ טרונק דעם זון, אַ טרונק די פּערציק רײַטער.

מאַמע, זע, ס׳איז פֿאַר פֿעטליורענע שמאָל דער באַרג,
דער סטעפּ פֿאַר אים — אַ בייזער און אַ ווײַטער,
און ס׳איז דײַן זון געזונט און יונג, —
דו גיב אים נאָר פֿון קריגעלע אַ טרונק,
און גיב אַ טרונק די פּערציק דאָרשטנדיקע רײַטער.״

זי רירט זיך ניט. דאָס וואַסער ריגט. די אַלטע איז פאַרשטיינערט.
ער נעמט צונויף דעם לעצטן קויעך אין די ביינער
און פליט צו איר... ער האָט זיך פון דעם באַרג געקײַקלט דאַן.
אַ בערגעלע... אַ טאָלעכל. און ס'פליט דער פאַרטיזאַן.
און ס'האָט זײַן שווערד געקלונגען אַפּ די אויסגעשלײַפטע שטיינער.

ווען אופגעוואַכט האָט ער אין טאָל, איז גרויסער טאָג געווען,
אַ רעגנבויגנדיקער רויך גייט אוף אַפּ יונגע גרעזער,
אַרומגערעמלט איז מיט ברוינע בערג די הימל-הייך,
ס'האָט ווי אַ קילער גרינער טרוים צעשפּרייט דער טאָל זיך ווייך,
און טיף אין טאָל געוויינט האָט די בערעזע.

די גרויסע זון האָט אין אַ קלײנינק טראָפּעלע געציטערט,
ס'האָט אַ געמיש פון גאָלד און זילבער קיל געציטערט,
האָט ער די צונג — אַ פײַער פונעם מויל אַרויסגעשטעקט
און האָט דעם טוי צוזאַמען מיט דער זון אַראָפּגעלעקט
פון קלײנעם גרעזל.

ס'האָט אינעם טאָל געוויינט שוין די בערעזע.

ער האָט דערזען זי, ווי אַ צווײַגיק-טריפנדיקן ברונעם,
און איז אַפּ אַלע פיר צו אירע זאַפטן צוגעקומען.

און אופגעהויבן האָט ער אַפּ איין קני זיך לעבן בוים,
זײַן ייִנגלש אויג געוואָרן איז אים זילבערדיק באַטרערט,
און אופגעגאַנגען איז פאַר אים אין טוי די גאַנצע ערד.

אַ קילער ווינט איז אומגעגאַן אַפּ גרעזער,
און ס'האָט אין טאָל געוויגט זיך די בערעזע.

פישער באנאכט אפּ דעם טײַך

אין יוני־נאכט ווערט בלי־געררוכ געפּרעסט,
און לײַכטע ווינטלעכ רײַסנ אָפּ א בלימל נאָכ א בלימל,
און לײַכטע ווינטלעכ טראָגנ אפּ די טײַכנ שטיקלעכ בעז,
ווי פלאטערדיקע בלויע שטיקלעכ הימל.

מיט וועלדער גרינע איז דער ברעג דאנ רײַכ,
און רײַכ מיט פיש זײַנענ די טיפנ פונעמ טײַכ,
די לופט איז קיל און פײַכט.

דאנ קומענ פישערס אפּנ טײַכ צו כאפּנ פיש,
און עס פארציט די נאכט מיט טונקל זייערע געזיכטנ,
און ס׳פרעסט די נאכט די פלאכנ אופ, די ראנדנ זי פארווישט,
שלינגט אײַנ די רונדיקײַט, פארטעמפּט די שארפ פונ שטריכנ.

און ס׳בלײַבט אזוי, ביז פונעמ וואלד ארויס
לעוואָנע טיילט זיכ פול אינ נאקעט אויס
און פאלט ארײַנ אינ כוואליעדיקנ שויס.

דאנ כאפּט דעמ טײַכ ארומ א קישעפדיקע שײַנ,
און ס׳שווימט א שיפעלע ארויס פונ כוואליעדיקע טיפנ,

א װעסלע װאַרפֿט זיך, װי א פֿיש, פֿון שיף אין טײַך אַרײַן,
א קאָפּ זיך װײַזט, און עס פֿאַרנייגן זיך די שיפֿער.

א כװאַליע שפּריצט אַרײַן אין שיפֿלעך טראָפּנס נעץ —
און ס'שפּרייטן אױס די פֿישער אָפּן טײַך א נעץ.

און װען זי פֿאַלט, די נעץ, אין טײַך, דערצײלט א פֿישער פֿראָסט:
„פֿעטליורע האָט דאָס דאָרף דאָס נאָענטע פֿאַרנומען,
ס'איז שפּעטער האַרבסט געװען, קימאַט א פֿראָסט,
געלאָפֿן כ'בין, דעם טײַך איבערגעשװומען,

געריכרט די לונג, געהוסט. ס'איז אַלץ געװען קעדײַ,
אַז טײַכן זאָלן װערן פֿרײַ.
ס'איז אַלץ געװען קעדײַ".

מיט זילבער-ליכט עס װערט א כװאַליע רײַך,
װען ס'װאַרפֿט די הימל-שײַן א בליק אױף איר א װײכן,
און ס'דאַכט זיך, ס'איז די כװאַליע א לעװאָנע אין דעם טײַך,
און ס'דוכט זיך, די לעװאָנע איז א כװאַליע אין די הייכן.

אין יוני-נאַכט װערט בלי-געריך געפּרעסט,
און לײַכטע װינטעלעך רײַסן אָפּ א בלימל נאָך א בלימל
און ברענגען צו די פֿישער אויף די טײַכן שטיקלעך בעז,
װאָס שמעקט מיט װאַסער און מיט פֿרילינגדיקן הימל.

סטאדעס

פאר דער קורצער זומער-נאכט אונטערן דעק פון שאָטן
צעוואקסן זיך געדיכט און הויך און שטורעמדיק די גראָזן
און וואַרטן גרייט מיט אָדערלעך מיט פולע אָנגעגאָסן,
נאָך איידער טשערעדעס זיך האָבן דאָ צעשאָטן.

אָט קומט זי אָן, די סטאדע. ס׳שפאַנט א געלער אָקס פון פאָרנט,
און אונטער שטראַלן גלאַנצט ער, ווי פון קופער אויסגעגאָסן,
ער בייגט דעם קאָפ, ווי גלייַך ער נעמט די ערד גאָר אַפן האָרן,
און אָטעמט שווער צוויי בייזע שטראָמען לופט אַרייַן אין ראָסע.

און ווייַטער גייט עס, דאָס געברום, און גיסט זיך, ווי פון הערנער,
דאָס טראָגט זייַן ברייטער קאָפ אַף זיך צוויי ביינערנע טראָמפייטן,
ער שפּילט אזוי די פּאַשע-ליד, דאָס פעלד זאָל אים דערהערן,
און ס׳גייט דאָס פעלד ווי אופנעמען די קי אַף אַלעם גרייטן.

דער פּאַסטעך פּאָכט איבער די קעפּ מיט ווייכער ווערבע-לאָזע,
די קי צעשיטן זיך אין סטעפּ און הייבן אָן צו בלאָנקען;
און ער, דער פּאַסטעך, צווישן פּייַכטע גינענדיקע גראָזן
דערפּילט אַף זיך דעם טוי פון די פאַרברידערט-גרינע לאָנקעס.

אים דאכט: דער האָריק-גרויער אוראלט איז אוועק פון פעלדער,
א יונגע ליגט די ערד אינ שטראלנ, ווי אינ וויקלשנורנ,
אָט דאָ איז ער אמאָל געגאנ, דער פאסטעכ, אזא עלנטער.
נאָר שוינ פארוואקסנ זײַנענ לאנג פונ עלנטקײַט די שפורנ.

דער פאסטעכ ציט ארויס פונ אונטער גארטל זײַנ סאָפּילקע,
די לאנגע פינעפלעכערדיקע געלבלעכע סאָפּילקע,
אונ טריפט ארײַנ א הייסנ קלאנג אינ דער פרימאָרגנ-קילקײַט
אונ שיקט אוועק א ריינעמ קלאנג דער זומערדיקער מילדקײַט.

ער דריקט זי צווישנ ליפּנ, גלײַכ ער וואָלט זי קושנ וועלנ,
אונ טאנצט אפ דער סאָפּילקעס מײַלער אומ מיט זײַנע פינגער,
אונ די סאָפּילקע גיסט פונ העלדזל זילבערדיקע וועלנ,
אונ די סאָפּילקע ווערט ניט מיד פונ סאמע הארצנ זינגענ.

אונ ס׳הערט דאָס פעלד, אונ ס׳הערט די זונ, אונ
ס׳הערט זיכ אײַנ די סטאדע,
א קלאנג לעבט אופ, פארגייט, גייט אופ אונ ווערט אפּסנײַ געבאָרנ,
אונ ס׳נעמט אוועק דעמ מיטנ טאָג די זונ פונ די לעוואדעס,
ונ ס׳טראָגט זיכ אָפּ די הייסע זונ פונ מיזרעכ-זײַט אפ דאָרעמ.

אלטער פאסטעכ טרײַבט צומ טײַכ ד׳אנ פויענ די בעהיימעס,
לאָזנ זיכ אראָפּ צומ ברעג מיט פײַכטנ זאמד באדעקטנ
אונ קוועטשנ אויס מיט קאָפּיטעס דאָ שפורנ אינ די ליימענ
אונ וואַרפנ זיכ ארײַנ אינ טײַכ מיט העלדזער אויסגעשטרעקטע.

דער פאסטעכ נעמט שוינ גלעטנ מיט די פײַכטע שווארצע בליקנ
די רוקנס פונ די זאטע אָנגעפאשעטע בעהיימעס.

די גראָזן אַף די פעלדער נעמען רויִקער זיך וויגן,
און ווינטלעך ווערן נאַכטיקער און קילער און געהיימער.

די סטאַדע נעמט זיך מיד צונויף, געטוליעט איינס אין צווייטן,
ווען ס׳קומען זיי אַנטקעגן אָן די שוואַרץ־געקרויזטע לעמער —
און אַלע לאָזן צו די פערמעס זיך צו מעלקן גרייטע
און טראָגן שווערע אײַטערס מילך, ווי אָנגעפילטע עמער.

„אַ דאַנק אײַך, סטאַדעס!״ — שרײַט דאָס דאָרף, זיי ענטפערן
מיט שאַלן.
„אַ דאַנק אײַך, סטאַדעס!״ — און די סטאַדעס שאָקלען זיך
און גריסן.
„אַ דאַנק, וואָס איר האָט אָנגעפּאַשעט זיך מיט גראָז און שטראַלן,
פאַר אונדז אַ טאָג מיט שעפע פון דער ערד אַרויסגעריסן.״

און עס קומט די זומער־נאַכט, ס׳צעוואַקסן זיך די גראָזן
אַף אייגענע קאָלווירטיש־ברייטע לאַנקעס און לעוואַדעס,
און וואַרטן ביז באַגינען, פול מיט זאַפטן אָנגעגאָסן,
אַף טויזנט־הערנערדיקע ברומענדיקע סטאַדעס.

מעלקערנס

אפ זילבערדיק-צעשפּרייטע פלאכן פון די דעכער-פליטעס
הייבן אָן די אָוונטיקע קווייטן שײַנען צו וועלקן,
א מרוקענדיקער רופ האָט שוין די פערמעס דורכגעשניטן:
„מיר וואַרטן! קומט אונדז מעלקן!"

און ס׳קומען אָן די מעלקערנס מיט טונען צו די שטאַלן.
זיי בייגן אײַן די קײַלעכיקע מילכיק-ראָזע קניִען,
און פּלוצים אויסגעשטרעקטע הענט די אײַטערס פלינק באַפאַלן,
ווי הונגעריקע מײַלער, אפ צו ציִען.

די אײַטערס — שווערע הענגענדיקע וואָלקנדלעך אפ בײַכער,
וואָס גיסן אויס א וואַרעמען, א ווײַס-געשמאַקן רעגן.
אָט-אָט וועלן א פלייץ טאָן העלע שטראָמעלעך צו טײַכן,
ווי ווײַסער שוים אפ וועסנעדיקע וועגן.

א ברוינע קו, און לעבן איר — די מעלקערן די בעסטע,
זי זיצט און מעלקט, די קו פאַרשליסט צופרידן אירע אויגן,
דאָס ווײַזט דער קו זיך אויס, אז ס׳האָט א קעלבל אײַנגעפּרעסט זיך
מיט מאָרדעלע מיט פײַכטן אפ צו זויגן.

די מעלקערן — זי אָטעמט פול, ווי ווינטלעך וואָלטן פּאָכן,
ווי בלויע צוויי אפּרעלן פון די אויגן אירע ריזלען,
די שנורן מילך זיך האָבן צווישן פינגער דורכגעשטאָכן,
ווי טײַענדיקע, פינקלענדיקע שפּיזלען.

א ווארעם-טרוימערישער שמייכל אַף איר פּאָנעם כיינט זיך,
ס'האָט דער שווארצאפּל אירער ברייטער, טיפער זיך צעוואקסן,
דער טוך דער גרין-באבלעטערטער צעבונדן האָט אליין זיך
און פאלט אראָפּ פון קאָפּ אַף אירע אקסלען.

זי מעלקט. עס טריפן רעגנדלעך און קלינגען אַף אין דנאָען,
די פינע-בלעזלעך הייבן זיך, ווי לילייעס צעהעלטע,
דאָס טריפן פון בעהיימעס איצט ארויס די פאשע-שאָען,
די אײַנגעזאפּטע זומערדיקע פעלדער.

און ס'שמעקט מיט היי, מיט יונגן סטעפּ, מיט דאָרעמדיקע זונען.
און ס'רוישט מיט פרייד, מיט פרײַער מי, מיט אָטעם הייס-באַזונטן,
און אָנגעטרונקענע שטייען ביז די ראנדן שווערע טונען
מיט ווײַסן בלוט פון אָנגעקוועלטע גרונטן.

די בלומען־פלאנצערן

און ס׳איז געווען אזוי, ווי ס׳האָט געוואָלט די ערד.
דאָס מיידל גייט דעם טאנץ פון בלומען-פלאנץ אפ בייטן,
ווי ס׳וואָלטן שוין פאר איר זיך אומגעוויגט די קווייטן,
ווי ס׳וואָלט די זון אליין דעם גרונט איבערגעקערט.

זי שפאנט. א לייכטער שפור אין פייכטער סטעזשקע בלייבט,
זי היט זיך אפן פלאנץ כאָלילע ניט קיין טראָט טאָן,
און מ׳האָט געקאָנט דערזען אפילע אין איר שאָטן
דאָס הייסע רונדע גאָלד פון איר געשטרעקטן לייב.

דאָס רידל אין דער האנט, דאָס קענדל בא דער קני,
די וויַעס האָבן קוים פארקייטלט אירע אויגן,
און ס׳איז א בין פוסטראָט דעם מיידל נאָכגעפלויגן,
ווי ס׳וואָלט געגאנגען זעלבסט צום סאָד דער בלומען-בלי.

און ס׳האָט פארנאכט דער סאָד מיט אקער-ברוך געשמעקט,
געווען איז יעדער פלאנץ מיט ערד ארומגעטראָגן,

פונקט ווי א קינד, וואָס קאָן דעם קאָפּ נאָך גלײַך ניט טראָגן
און איז ארום דעם לײַב מיט קישעלעך באַדעקט.

פאַרנאַכט האָט זיך דער פרילינג אָנגעטאָן אין גאָלד,
דאָס מיידל אין דער הייך דאָס רידל האָט געטראָגן,
די זון האָט זי אין דופּט און שווייסן אויסגעצוואָגן,
און ס׳איז געווען אזוי, ווי ס׳האָט איר הארץ געוואָלט.

פרוכטן

1

קלעטערט אַף דעם בוים ניט, ווען די אויגוסט־ווינטלעך פאַכען,
די גלידער זײַנע רוען דאַן, די בלעטער זײַנע שווײַגן.
מיט זיסער מידקייט בייגן זיך אין האַלבן רינג די צווײַגן,
ווי ס׳וואָלט די גינגאָלדענע לאַסט פון פרוכטן זיי געבראָכן.

קלעטערט אַף דעם בוים ניט, ווען עס הענגען רײַף די פרוכטן,
ער אָטעמט איצט געדיכט אַרויס פון זיך געפרעסטע דופטן,
און אַלע זיבן טאַמען רײַסן זיך פון אים אין לופטן,
און ס׳פלייצט אַ קילע שײַן פון זײַנע לײַביקע געבורטן.

געכאָוועט האָט ער זי, די פרוכט, געטרײַ פון יענעמס וועגן
און וואַרט, מע זאָל אַראָפּרײַסן די גאָלדענע געוויכטן,
ער קוקט גאַסטפרײַנטלעך איצט אַרויס אַף גליקלעכע געזיכטער,
ווען ניט די וואָרצלען, דוכט, וואָלט ער געלאָזט זיך זיי אַנטקעגן,

ווי קײַלעכיק־פאַרהאַרטעוועטע זון־שײַן עפּל לויכטן,
זיי הענגען פריש, פון קיינעמס האַנט נאָך ניט קיין אָנגערירטע,

מיט רויטע פֿײַערדיקע שטרייפֿן, אַף איין זײַט באַצירטע,
ארומגעהילט מיט ווײַניקע און דורכזיכטיקע רויכן.

מיט גרינ-לעוואַנעדיקע זאפטן איז די פֿלוים געזעטיקט,
און אָפּגעשאָטן איז איר הויט מיט בלויען שטויב פֿון הימל,
עס הוידעט זיך פֿארטרוימט ארום איר מאָרדעלע דער דרימל,
און ס׳דאכט, זי טראכט, עס האָט דער מאָרגנטוי צו איר
פֿארשפּעטיקט.

2

דאָ קומען מיידלעך דורך דעם טײַכל אָן מיט א געוואַימל,
און טראָפּנס וואסער טריפֿן פֿון די פֿיס אראָפּ אין שטויבן.
מע הייבט די קעפּ און מע דערזעט, — עס וויגט זיך דאָרט
פֿון אויבן
א טונק׳לער, א פֿילקרויניקער דער סאָד אונטערן הימל.

די מיידלעך זײַנען אין דעם סאָד מיט קוישן אָנגעקומען,
זיי שלײַדערן די קערב אראָפּ פֿון שפּרינגענדיקע אקסלען,
די אויגן ווערן צו די פֿולע צווײַגן צוגעוואקסן,
ווי בינען דאָרשטיקע, וואָס זויגן האָניק פֿון די בלומען.

א טרייסל. פּרוכטן גליִען, בארן פֿליִען אײַך אנטקעגן,
א פֿלוים פֿארהייבט דאָס מאָרדעלע און בעט זיך: „שאָקל, שאָקל!״
און ס׳פֿאלט אראָפּ א ווײַניקער א שטערנדיקער האָגל,
עס פֿינקלט א גערעטעניש, פֿון ביימער פֿאלט א רעגן.

א פֿויגל פֿליט צו הימלען, און אן עפּל צו די גרונטן,
עס גיט א צי דעם רײַפֿן עפּל צו דעם גרונט דעם שווארצן,

און ס׳טוט סאָפּ־זומערדיק א נעם, א קלעם באַם סאַמע האַרצן,
און ס׳טוט א ווײ מיט טעג מיט לעצט־געשענקטע און באַזונטע.

א מיידל א שוואַרץ־אויגיקס שטייט אין אויבערהעמד אין ווײַסן,
וואָס איז באַוועבט מיט שפּראָצליינגען פון קליינע גרינע קוסטן,
ווי גלײַך זי וואָלט א פריִיאָר־טאָג געבראַכט אַף אירע ברוסטן
און איז מיט אים אין האַרבסט געקומען רײַפע פּיירעס רײַסן.

זי האָט א רויטן אָוונט פון אן עפּל אויסגעטרונקען,
דעם זאַפט, ווי א פרימאָרגן־טוי, אין זיך אַרײַנגעשלונגען.
און אין די גלידער זײַנען לידער אופגעגאַנגען יונגע,
און א געזונט געלעכטער האָט אין איר זיך פריש צעזונגען.

אָט דאָס געלעכטער האָט א שפּיל געטאָן מיט קלאָרע ווערטער:
„מײַן גוטע ערד, מײַן פרײַע ערד, אין גרונטן א געזונט דיר,
מיר וויסן דײַנע לײַדן, אויך די פריידן דײַנע בונטע,
מיר זײַנען פלייש און ביין פון דיר, מיר זײַנען דײַנע טעכטער.

יאָרטויזנטער באַהענגסט מיט פרוכט די צווײַגן אַף די וועגן,
יאָרטויזנטער מע האָט זיי פונעם בוים אַראָפּגענומען,
נאָר ס׳זײַנען נאָך צו דיר אַזעלכע מיידלעך ניט געקומען,
נאָר קיינמאָל האָט מען נאָך אַזעלכע פרוכטן ניט באַגעגנט.״

ס'איז אווגוסט, מײַנע פרײַנט

ס'איז אווגוסט, מײַנע פרײַנט, אַפ דער וועלט, און דער וועג
צום באַשטאַנג גלײַך אונדז פירט,
ווו פון אייגענער רײַפקײַט ליגן קאַוועס מיד - און שליגגען
שוין מער ניט קיין שטראַלן.
אונטער גרינבלעכע היטן פאַרבאָרגן זײַנען רויטע און
פּראַקטיקע קוואַלן,
וואָס קיין ליפּ האָט נאָך זיי ניט באַרירט.

— לאָמיר שפּאַלטן די זילבערנע שטרײַפן, די רײַפן די פּײַנע,
וואָס גאַרטלען דעם קאַווין אַרום,
און זײַן פּורפּורן פלייש — ווי אַ טויק-פּאַרטאָגיקע זון —
זאָל אין אונדזערע הענט זיך צעשײַנען.

אין דער מיט פון זײַן אָנגעקוועלט האַרץ לאָמיר אײַנבײַסן זיך
מיטן גאַנצן געביין,
אַז ס'זאָל אונדז דעם אָטעם פאַרכאַפּן פון טײַכלעך באַטאַמטע
און פון גלי פון דעם קילן,
און אַ זיסער געוויסער זאָל זיך ברעכן און שפּריצן און שפּילן
מיט יאַדערדיק שוואַרצלעכן כיין.

לֿאָמיר טרינקען דאָס הארץ צו דערפרייען,
אָנגעגאָסן פּאר אונדז האָט די ערד דאָך אלֿײן
אָט די גאָלֿדענע בּעכערס מיט אויסגעשפּילֿט ניכטערן ווײַן,
אז מיר זאָלֿן אפּ דער וועלֿט אפּ דער ווײַסער,
ווי מיר דארפֿן נאָך יאָרן נאָך לֿאנגע דאָ גײן,
אי ניכטער אי שיקערלֿעך זײַן.

ליכט אונ שאָטנ

ליכט אונ שאָטנ — אזא לעבנ אזא צארטס,
ליכט אונ שאָטנ — אפ די וועגנ פונ מײַנ הארצ,
אונ אפ בערג דאָ אינ א שטיינ,
אונ אפ פעלדער אינ דעמ טוי,
אונ באמ קינד אינ זײַנ געוויינ,
אונ אינ ליבע בא דער פרוי.

ליכט אונ שאָטנ שוועבנ, וועבנ אזוי דינ,
ליכט אונ שאָטנ אפ די הייכנ פונ מײַנ זינ,
אונ אינ יאמענ אפ דער וועל,
אונ אינ וועלדער אפ א בלאט,
אפ די פיס אינ זייער שטעל,
אפ די הענט אינ זייער טאט!

ליכט אונ שאָטנ — איז מײַנ יאָריק העל געוועב
אי פונ ווינטער אי פונ שיינעמ זומער-לעב,
אונ אינ כאָלעמ אפ דער נאכט,
אונ אינ וואכנ אינדערפרי,

114—12

און אפ שפּיזן אין דער שלאכט,
און אין סעדער אפן בלי.

שאָטנס שפּרייטן זיך פארקלערט,
טרעטן אָפּ, זיך קערן אום,
ליכט און שאָטן אפ דער ערד,
ליכט און שאָטן אפ דער זון.

א קינד

האָט זיך מיט א קינד געטראָפן:
ס׳האָט דערשראָקן אים זײַן שאָטן,
וואָס איז אים דעם וועג פארלאָפן
און פאָרויס פאר אים געטראָטן.

טײַער קינד, אין טאָג אין לינדן
איז דײַן הארץ אומזיסט באצאָרנט.
דאָס גייט נאָך די זון פון הינטן,
ווײַל א קינד איז שטענדיק פאָרנט.

פריילעכע ווערבעס

אוקראינע, מאמע שיינע, אויסגעשפּילט דיכ ווי א ליד
אפ סאָפּילקעס פונ די צווײַגנ האָבנ פאסטעכער צי געטער?
ווי אנ עפּל ליגט דײַנ הארצ אפ דלאָניעס אָפענע פונ בלעטער,
אונ דײַנ הימל קילט אינ בעזנ, אונ דײַנ זונ אינ רויזנ גליט.

ווערבעס שטייענ, ווי רוסאלקעס, אויסגעהאקט פונ מאלאכיט,
אונ דער טײַכ פאלט צו די פיס זיי, אָט-אָ קושט ער, אָט-אָ גלעט ער,
אייביק פול איז דאָ דײַנ ערד מיט א מינ קינדערשנ געקלעטער,
קיינמאָל טריקנט ניט די מילכ אפ קילע ליפּנ פונ דײַנ צוויט.

אינ זומערדיקנ רעגנ

אָנגעטאָנ דאָס ווײַסע קלייד דאָס אויסגעבלימלטע מיט בעזנ,
ס׳איז א פרימאָרגנ א געשענקטער אפ דער ווײַסער וועלט געוועזנ,
דארפ זיכ טרעפנ, אז אפ וועגנ זאָל דיכ געבנ א באגעגנ
פונ דער העלער הויט ארויס א זומערדיקער רעגנ.

פונ דער העלער הויט ארויס צי פונ דעמ העלנ הימל —
קלינגענדיקע שנורנ פרישקייט — זילבערנער געווימל.
אונ די זונ — זי טוט זיכ אירס: זי שלאָגט מיט פאסמעס גינענ,
ווי דאָס גיט זיכ אויס אמאָל אפ אונדזער אוקראַינע.

ביז א בײַוול אויסגענעצט. דער רעגנ טיילט ארויס שויג
דעמ מילדנ ציטער פונ דײַנ לײַב אונ ווײַזט אימ דעמ אינדרויסנ,
ביסט, דוכט, אליינ א וואָלקנדל, דו שטיפסט אונ טריפסט מיט שלאקסנ,
אונ ניט פונ קלייד, נאָר פונ דײַנ לײַב, די בלויע בעזנ וואקסנ.

דער הימל כאוועט זיכ מיט ערד, אָט שטראָמט ער, דאכט, פונ אונטנ,
ער גראָבט ארויס א ווערעמל א ברוינס פונ ווייכע גרונטנ.
ס׳איז יעדער בלאט א שפיגעלע, ווו וועלטנ פײַכט זיכ מינענ —
א גוטע שאָ, ווי ס׳גיט זיכ אויס, אפ אונדזער אוקראַינע.

דו קומסט צו מיר. דער רעגנ האָט אראָפּגעבראכט מײַנ ליבע.
דיכ פרעסטלט? גיב מיר דײַנע רויטע שײַטערלעכ פונ ליפּנ.
דער מילדער רעגנ לעבט אינ דיר, ווי טוי אינ א באגינענ,
אונ ווי עס שלאָגט א יונגער קוואל אפ בערג אינ אוקראינע.

אונ מוירע האָב איכ איצט פאר דיר. איכ קענ זיכ ניט פארגינענ
דיכ ארעמענ. דו קענסט זיכ נאָכ אונטער די הענט צערינענ
אינ קילע שנורנ פרישקײַט אונ אינ הייסע פאסמעס גינענ,
אונ אייביק וועל איכ זוכנ דיכ אונ קיינמאָל ניט געפינענ.

לידער פון מײַן דניעסטער

סאָפיע גערווידמער

ערשטע ליד

מיט דיר האָט איר ערשטע ליבע געשפּילט
די ייִנגסטע פון אונדזערע שוועסטער,
און דו האָסט מיט אָרעמס מיט בלויע געקילט
איר דאָרעמדיק לײַב, דניעסטער.

ווי א ליכטיקע שוואלב מיט א מיידלש געזיכט,
איז זי לײַכט איבער דיר געשווומען.
און ווי איז דאָס געשען, וואָס אזוי אומגעריכט
איז זי מער שוין אהיים ניט געקומען?

און צי איז טאקע עמעס, אז צו זיך נעמסטו צו
א מענטש אלע יאָר פון פארצײַטן.
זי האָט דאָך געגלייבט, ווי א קינד, אז נאָר דו
וועסט קילן איר בענקשאפט נאָך ווײַטן.

צי א שטראָם, ווי א שלאנג, וואָס פארדרייט און וואָס גלעט
מיט פײַכטע און גרינע רינגען,

האָט פארנארט זי, מײַנ שוועלבעלע, אינ אָטשערעט,
זי זאָל אינעמ שליימ פארזינקענ.

מײַנ טײַכ, כאָטש זי האָט אינ דײַנ שליימ זיכ געפעלט,
ווי א ווארעמע מענטשלעכע ריינקײַט, -
דאָכ זע איכ אלצ אײַנ אינ איינ קנייטש פונ דײַנ וועל
גאנצע יאמענ שיינקײַט.

צווייטע ליד

אלע נאכט אפ די בערג גיט א פינקל א שווערד,
און א מענטש יאָגט צו פויערשע האָנעס,
און ניט אין קיין שטאָל איז געקאָוועט זייַן פערד,
נאָר מיט הילכיקע האלבע לעוואָנעס.

דאָס לאָזט זיך קאָטאָווסקי אוועק אין געשלעג,
און עס שאלגן אין האָרנס טשאבאנעס,
און עס זינגט אים זייַן ליבע א דוינע אין וועג,
און ער טראָגט זיך און שלאָגט זיך בא יאמעס.

און עס נעמט ניט קיין קויל, ניט קיין שווערד זייַן געביין,
כאָטש זייַן לייַב איז אין בלוט שוין פון וווּנדן,
נאָר מע זאָגט, ס'האָט דער יאם מיט א כוואליע אליין
די בלוטיקע ווונד אים געבונדן.

און עס גארט און עס ווארט דער באדניעסטערשער ברעג
צו רעטן דעם העלד פון סאקאָנע,

אונ עס דאכט: אלע נאכט קלינגט א פערד אפנ וועג
ניט ליכטיקע האלבע לעוואָנעס.

אונ ווידער דערהערט זיכ פונ האָרנס א שאל,
דאָס רופנ דעם העלד די טשאבאנענ,
דעם העלד, וואָס געווענ איז א בארגיקער קוואל
אונ האָט זיכ באהעפט מיט די יאמענ.

דריטע ליד

מײַן דניעסטער, ביכט שײן, האָסט דעם זיבעטן כײן,
דו ביסט אין דעם הימל געראָטן,
מיר דאכט זיך, עס קושן דיך װעלדער אלײן
מיט זײער צעבלעטערטן שאָטן.

מע דערצײלט, ס׳האָט געלעבט אין דײַן טיף, אין א שלאָס,
פון פארצײַטנס א יונגע באס-מאלקע.
אלע נאכט זי באפערלט מיט טויען דאָס גראָז,
און כע ליבט זי א יונג פון דער באלקע.

און דער באָכער בין איך, און איך לעב, װי צעמישט,
און איך װיל, אז מײַן װײַב זאָל זי װערן;
און איך זע, װי זי שלײַדערט די זילבערנע פיש
ארופ צו די גאָלדענע שטערן.

און געװען איז זי טרוים, און די ערד מיר פארשטעלט,
שיר געבראכט מיך די הימלען א קאָרבן.
װען איך בין געקומען אהער אפ דער װעלט,
איז אין טײַך די באס-מאלקע געשטאָרבן.

פערטע ליד

ווײַזט אויס, מיט אזא מיין פארקישעפטער וועל
האָסטו, טײַך, מײַן נעשאָמע געשוועקען,
אז ווי נאָר איך פארלאָז דײַן היימישע שוועל,
זאָל איך גיין מיט די בערג און זאָל בענקען.

אָ, ווען איך וועל זען, אז עס האלט מיט מיר שמאָל,
אז עס פלאמט ניט, עס הייבט שוין אָן סמאליען,
וועל איך קומען צו דיר אין דײַן גאָלדענעם טאָל
און ארײַנגיין אין דיר ווי א כוואליע.

1939

דער פויגל

זינגען וועט דער פויגל שוין היינט ווידער לידער,
אז קלינגען וועלן ביימער.
ס'איז א פלייט, ווי גלייך א שפיז, אריין אין זיינע ביינער.

פון א פויגל פאלן אלע שטילקייטן, ווי קייטן,
צו א פויגל קומען אלע מילדקייטן, ווי פלייטן.

אף די צווייגן נעמט ער שטייגן, ווען זיין קאָל ווערט יינגער.
הייסע ערד און לינדער הימל, און אין מיט — דער זינגער.

וויפל גאָלדן אין באגינען מינען זיך און פלייצן,
וויפל פרייאָריקע ווינטן אין זיין האלדז זיך קרייצן?

וויפל טרוימען, וואָס זיי ליגן יאָרנלאנג פארבאָרגן,
זאָגט ער אויס דער גאנצער וועלט אין איינעם א פרימאָרגן?

אָן זיין ליד ער וואָלט דאָך צו דעם הימל ניט געפלויגן,
און אין הייכן וואָלט פארגיין די ערד פון זיינע אויגן,

און זײַן האַרץ וואָלט זיך פאַרשלאָסן דאַן מיט שלעסער זיבן,
און אַ בינטל פּעדערן וואָלט נאָר פון אים געבליבן.

אױ, כ'וואָלט אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אױף מעסערדיקע שאַרפן,
ווען ס'זאָל דער הײַזעריקער טויט אַ שלײף אױף אים פאַרוואַרפן.

הערט! סע שאַלט אין אים די ערד, און הימלען אין אים קלינגען,
פרייד! דער פויגל מיט זײַן פלײט פליט אין הײכן זינגען...

אינהאלט

מיטן קאָל און קאָס פון מײַנע טײַערע

זײַט

גוט־מאָרגן, זינגער! 5

בא רוסלאנד אף דער לער . . 13

ילדן האָבן ווײַן געפּרעסט . . . 15

מײַן ווײַטער טאָפּאָל 23

דער האגל 25

דאָס הארץ הייבט א טאָסט . . . 27

דער טעפּער 29

וואָס הייסט א ברודער?

זײַט

ערשטע ליד 33

צווייטע ליד 35

דריטע ליד 37

פערטע ליד 38

פינפטע ליד 40

זעקסטע ליד 42

זיבעטע ליד 44

אכטע ליד 46

נײַנטע ליד 48

צענטע ליד 50

עלפטע ליד 51

צוועלפטע ליד 53

א ליבע אין מיל

באלאדישע פּאָעמע

זײַט

קאפיטל 1 57

קאפיטל 2 60

קאפיטל 3 65

קאפיטל 4 76

קאפיטל 5 82

קאפיטל 6 84

קאפיטל 7 88

דעמ סעדערס טאָכטער

דרײַ אויסצוגנ פונ א פּאָעמע

זײַט

1. דאָס מיידל פונ פּאָדאָליע · · 95
   א. שוינ איינמאָל אינגע · · 95
   ב. אפ אונדזער פּאָדאָליע · · 101
2. פּארטיזאַנער־וואלד 106
   א. פּרעליודיע · · · · · 106
   ב. צוויי יוגנט־כאַווײרימ · · 110
3. דאָס לאַגער־קינד · · · · 114
   א. מאַטעסל · · · · · · 114
   ב. דער טאַטע קלאַפּט איר אָנ
   אינ האַרצנ · · · · · 128
   ג. אינגע אונ מאַטעסל · · · 130

סאָנעטנ וועגנ פּרוכטיקער ליבע

זײַט

ווי א פּיירע אונטער בלאַט · · 135
דער טײַכ פּאַרכליבעט זיכ · · . 136
דאָס דריטע פּײַער · · · · · 137
דאָס שוועלבעלע פונ זײַנ · · · 138
צווישנ דער פּלייט אונ דעמ קאַנאָנ 139
דער הייסער פּאָרעמ · · · · · 140
אינ די נעגל פונ א שפּארבער · 141
דער שטיינ פונ מײַנ היימ · · 142
מיט לײַב אונ אײַזנ · · · · · 143
אינ רעכטנ וועג · · · · · · 144
ווער נעלעמ, בײזער גײַסט · · · 145

א מאָלצײַט בא דער ערד

זײַט

ווײַנגערטנער · · · · · · · · 149
דער יעגער · · · · · · · · 153
אינ טאָל האָט געווײנט די בערעזע · 160
פּישער באַנאַכט אפ דעמ טײַכ · · 163
סטאַדעס · · · · · · · · · 165
מעלקערנס · · · · · · · · 168
די בלומענ־פּלאַנצערנ · · · · · 170
פּרוכטנ · · · · · · · · · 172
ס׳איז אווגוסט, מײַנע פרײַנט · · 175
ליכט אונ שאָטנ · · · · · · · 177
א קינד · · · · · · · · · · 179
פּריילעכע ווערבעס · · · · · · 180
אינ זומערדיקנ רעגנ · · · · · 181
לידער פונ מײַנ דניעסטער
ערשטע ליד · · · · · · · 183
צווייטע ליד · · · · · · · 185
דריטע ליד · · · · · · · 187
פערטע ליד · · · · · · · 188
דער פויגל · · · · · · · · 189